










START

CONTROL TEST TARGET
for Kodak Quality Monitoring



Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww Xx Yy Zz
Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww

Note: This target is intended for routine quality control checking and uniformity.
It is not to be used for certification of meeting any ANSI or ISO Standards for image quality requirements.
Note: To record background density, use a blank sheet of white paper.

A-2289 CAT 800 7403 Rev. 2/00 @ Eastman Kodak Company, 2000 Printed in U.S.A.

Document Imaging
EASTMAN KODAK COMPANY
Rochester, New York 14650
1-800-232-8811

DOCUMENT IMAGING



YIDDISH DRAMA

PRESERVATION

PROJECT

Tsipor, Y. B.
Bay di toyern.
Varshe, 1922.

BIBLIOGRAPHIC RECORD TARGET

YIVO INSTITUTE FOR JEWISH RESEARCH

Master negative Storage Number Y-2004-1889.13

Tsipor, Y. B.
Bay di toyern. Varshe, 1922, c1921.
135 p. ; 21 cm.


1. Yiddish drama.
I. Beiditoeren. II. Poland-Warsaw

ID : NXYH01-B5509 CC: 9114 DCF: [HBR]
CALL #: /72315

Reduction ratio x 10.0

י. ב. צפור

ביי די טויערן



ביי די טויערן

י. ב. צפור

ביי די טויערן

דראמאטישע לעגענדע

אין פיר טיילן

מיט א פראלאג.





ווארשע, 1922

אין ווירבלווינט פון צייטן און פון ווייען,
אין רויטן מבול פון אבילות,
נעם איך,
אָ מאַמע, האַרציקע
מיט יאָרן בליענדיק פאַרשניטענע,
דעם ציטער פון מיין הייליקסטן געשריי.
וויי!..

„BEI DI TOEREN“
I. B. CYPORA
WYDAWNICTWO „ALT-JUNG“
DRUKARNIA B-ci WÓJCIKIEWICZ,
KRAMY NALEWKOWSKIE 5,

אָנטײלנעמער

הימלישע:

די שכינה
אַ בת-קול
גבריאל
מיכאל
אוריאל
רפאל און גרופּן אַנדערע מלאכים

ערדישע:

דוד אַ יונגער למדן-וואוניק
עזריה אַן אַלטער למדן-וואוניק
פּאָר אַנדערע למדן-וואוניקעס
למך אַ האָלצהעקער
אַן אַלטע מכשפה
אַ יונגע מכשפה
דרײַ קברנים
אַ קברות-ייִד
אַ משוגענער
דרײַ בעטלער, אײנער פון זײ — אַ בלינדער
אַ שמש
אַ בעל-עגלה.

גהנמישע:

אשמדאי דער מלך פון די שדים

שטן

לילית
אגרת
נעמה
מחלת
} די פיר מאמעס פון די שדים

משחית שד פון דער דזשומא

שברירי שד פון בלינדקייט מיט זיין סוויטע

קצרות שד פון בייזע חלומות

שד פון בענקעניש

דער פעלדשטיין
דער בארג-גייסט
} שדים וואס טוען דעם צדיק קיין בייז נישט.

וויזיעס:

אדם

חוה

א מלאך

דער גורל—מיט א מחנה געפלאגטע נשמות

דודס געשפענסט

א וואסער-מענטש

ימפן, באקאכאנטקעס, געשפענסטער פון נישט-געבוירענע קינדער, מיטה-טרעגער

א. אנד.

פראלאג.

גן-עדן העליון. בעת דער פארהאנג הייבט זיך אויף איז די גאנצע סצענע איינגעהילט אין א געדיכטן גרינעם נעפל, דורך וואס מען קאן קיין שום זאך נישט אונטערשיידן. פון גאנץ ווייט הערן זיך קינדער-קולות, וואס זינגען אין כאר:

יְהֵא שְׁמֵהּ רַבָּא מְבָרַךְ לְעָלַם וּלְעָלְמֵי עָלְמַיָּא!
יִתְבָּרַךְ וְיִשְׁתַּבַּח וְיִתְפָּאַר וְיִתְרוֹמַם וְיִתְנַשֵּׂא וְיִתְעַלֶּה וְיִתְהַלָּל
שְׁמֵהּ דְּקוּדְשָׁא.

דאס געזאנג ווערט וואס אמאל אלץ שוואכער און שוואכער און דער נעפל — אלץ העלער און העלער. ווען די קולות האבן אויפגעהערט איז דער נעפל אוועק אינגאנצן. אין מיטן א תהום פון וואלקן, — א רונד געבאלמטער פלאץ, וואס בלאנקט ווי א שפיגל און ווארפט ארום זיך פארשידענע פארבן פון רעגנבויגן. אין הינטערגרונט שטייען אויסגעשטעלט א ריי נאקעטע, באפליגלטע קינדערלעך — א גליקליכער און פריילעכער שמייכל רוט אויף זייערע פנימלעך. די הענטלעך אויסגעשטרעקט אין לופטן— גרייט עפעס אנצוכאפן. — אין פאדערגרונט דא און דארט צושטעלט גרופנווייז מלאכים, גרעסערע, זעען אויס צו שמועסן צווישן זיך. א הימל-בלויקייט הילט אלץ ארום אין ליכט. — פלוצלונג ווערט א שטיל געריוש צווישן די מלאכים — די קינדערלעך באוועגן די הענט פון פרייד

אלע מלאכים
מיט יראת-הכבוד
קדוש! קדוש! קדו...

גבריאל
געגרויסט זיי אונז, א, גאט פון די מזלות
עס שוועבט דיין כבוד איבער דיין געצעלט!

דיין פראַכט פאַרבלענדט די הימלישע חיילות,
אַ לעבנסקוואַל פון גאָר דער וועלט!

אַלע מלאכים

קדוש! קדוש! קדוש!

מיכאל

עס לעבט און שטרעבט דאָך אַלץ, וואָס האָסט באַשאַפן!
האָסט איינגעהילט דיין ווערק אין סודות פיל;
און ס'האָט ביז היינט קיין בלוט און פלייש געטראָפן,
וואָס סאיז געווען דערמיט דיין ציל!

אַלע מלאכים

קדוש! קדוש! קדוש!

רפאל

עס גיסן דיינע זונען גאָלדנע שטראַלן,
דערקוויקן, היילן אַלץ, וואָס דענקט און פילט;
עס פליסן ריזן-ימים, טייכן, קוואַלן —
און שפיגלען אייביק אָפּ דיין בילד!

אַלע מלאכים

קדוש! קדוש! קדוש!

אוריאל

אַ האַנט פול מאַכט האָט אָפּגעלאָזט די שטערן,
וואָס צונדן אָן דעם חלל אין זייער גאַנג!
זיי זונגען אייביק אין די הימלספערן —
פאַר דיר, אַ בורא, לויב-געזאַנג!

אַלע מלאכים

זינגען צוזאַמען

בעגריסט זיי אונז, אַ גאָט פון די מזלות!
עס שוועבט דיין כבוד איבער דיין געצעלט: א. ז. ח.

עס הערט פלוצלונג טונקל. די מלאכים פאַרשטעלן זיך מיט די פליגלען די פּנימער

אַ בת-קול

פון דער הויך

אַז ווי די זין, וואָס וואָגלען אין דער פרעמד
פאַרטריבענע פון פאָטערס טיש!
זיי האָבן מיך פאַרשעמט,
און כהאָב אין טאָג פון צער מיין הויז פאַרוויסט!..

אַלע מלאכים

שטיל

וויי! דאָס מקדש איז צושטערט!..
וויי! דאָס אויג פון כביכול טרערט..

דאָס פאָדערגרונט ווערט נאָך טונקעלער, בעת דער הינטערגרונט בלאַנקט ווי פאַרטרונקן אין גליענדיקע בלוט=רויטע פאַרבן

די שכינה

געהילט אין שוואַרצן שלייער, באַוועגט זיך — בלייבט שטיין אַ ווילע אומזיכער אינ-איינמיטן קרייז לאָזט זיך בלײַ אַראָפּ אויף די קני

דערבאַרימדיקער פאָטער!.. וויינט שטיל אין ספּאַזמען

מיכאל

האָט שוין די טויב פון אויסלייזונג געברומט?

גבריאל

האָט ווו דער שופר-הגאולה אָפּגעשאַלט?

רפאל

דערנענטערט זיך די צייט פון טהרה?

אוריאל

וואָס טוט די שכינה דאָ?

די שכינה

האַר פון אַלע וועלטן!..

ש בת-קול
פארלאשן איז דער חסד-שטערן אין מיין קרוין;
עס טוקלען זיך מזלות, ווי פארשעמט,
מיין מקדש איז פארוויסט!

די שכינה
איך בעט!..

דאס בת-קול
פאראבלט שטייט שוין לאנג מיין כסא-כבוד,
קדושה וואגלט אום פאריתומט אויף דער ערד,
די שערי טמאה זענען ברייט געעפנט,
און דער בן-אדם זינקט אין הפקר און אין שקלעכטס

די שכינה
חסד!..

דאס בת-קול
דאס קול פון הבלס בלוט איז נישט אנטשוויגן:
עס יאמערט ביי דעם פוס פון מיין מזבח,
און סטונקלען זיך פון צער מיינע היכלען —
און קינס הענט איז נאך נישט ריין-געוואשן...

די שכינה
רחמים!..

דאס בת-קול
אין וועמענס זכות?

די שכינה
דו ביזט דער פאטער!..

דאס בת-קול
זיי האבן מיך פארלאזן..

די שכינה
די סטרא-אחרא האט זיי בלינד געמאכט,
דעם וועג פארשטעלט, וואס פירט צו דיין קדושה...

דאס בת-קול
זי שטארבט, און דו לעבסט אייביק...

די שכינה
זי איז פריי און איך — אין קייטן!..

דאס בת-קול
ווער סהאט אין קייטן דיך געשמידט —
דער קאן פון קייטן דיך דערלייזן!..

די שכינה
דער צער האט זיי שוואך געמאכט...

דאס בת-קול:
זיי האבן אים אליין באשאפן!..

די שכינה
אוי, ווי זיי ליידן!..

דאס בת-קול
איך האב א פונק אין זיי געפלאנצט,
אן עמוד-אש, וואס זאל זייער וועג באשיינען?..

די שכינה
אין חשכות אויסגעלאשן...

דאס בת-קול
געגעבן זיי א בחירה און א רצון:
צו קעמפן — א געווער...
די שכינה
זיי קעמפן!

ד אָ ס ב ת = ק ו ל
פֿאַר פֿינצטערניש!..

ד י ש כ י נ ה
און מיינען, אַז זיי קעמפֿן פֿאַר דיין ליכט...
ווי בלינדע טאַפּען זיי פֿאַר זיך דעם וועג,
און בעטלען ביי דער פֿינצטערניש אַ שטראַל,
ביים טויט — אַ פֿונק פֿון לעבן,
ביי וויסטעניש — אַ קוואַל...
מזבחות אויפֿגעשטעלט און אַנדערע צושטערט;
קרבנות אויפֿגעבראַכט, מיט ביטערקייט געגערט;
געשטרעבט צום הימל־הויך דורך צער און דורך גרויל,
און זינקן טאָג ווי נאַכט אַלץ טיפֿער אין שאול...
און איילסטו זיך נישט, האַר, צו העלפֿן זיי געשווינד;
קומט אָן אַ שווערע צייט — אַ צייט פֿון בלוט און זינד!..
דערטרינקען ווערט דער מענש אין יאוש און אין פּיין,
און זוכט זיך שוין אַ טרייסט אין אייביקן נישט־זיין!..

אָ ס ב ת = ק ו ל
און זיך נישט אומגעקערט!..

ד י ש כ י נ ה
צו הייליקייט דעם וועג פֿאַרלוירן!..

ד אָ ס ב ת = ק ו ל
זאָל ער אים זוכן!..

ד י ש כ י נ ה
ר׳וועט אָן דיין הילף אים נישט געפֿינען...

ד אָ ס ב ת = ק ו ל
זאָל ער אים זוכן בלויז —
אים זוכן מיט עקשנות...
און וועט ער נישט געפֿינען, —

זאָל טובלען אים דער צער!..

ד י ש כ י נ ה
ווי לאַנג? אָ, ווי לאַנג?..

א ו ר י א ל
ביז קומען וועט דער טאָג דער לאַנג געגאַרטער,
און שיינען וועט דער שטערן פֿון רחמנות...

מ י כ א ל
דערווייל, אָ שכינה נידער, נידער צו דער ערד,
פֿאַרשלאָסן איז פֿאַר דיר די העכסטע הימל־פֿרייד:
מיט מוטערלעכע טרערן אייל דיך און באַגלייט,
דאָס אויג פֿון „גע־ונד" וואָס נאָך קדושה טרערט...

ד י ש כ י נ ה
אָ, פֿאָטער, פֿאָטער!

ד אָ ס ב ת ־ ק ו ל
אויך איך בין אין דער נויט!..

ד י ש כ י נ ה
אַ חיינענדיק

אַ ל ע מ ל א כ י ם
וויי! די שכינה איז אין גלות!..
וויי! די שכינה איז אין גלות!..

פֿ אָ ר ה אַ נ ג

ערשטער טייל.

אַ פֿיר־עקיק צימער אין אַ הילצערן הויז אויסן שטאָט. דער סופֿיט איז ביידע זייטן שיף, ווי אַ בוידעם. אין הינטערגרונט, פֿונקט אין מיטן צימער — אַ טיר מיט פֿיר טרעפּלעך אַראָפּצוגיין. אַ קליין פֿענצטער אין דער וואַנט — רעכטס און אַ צווייטס — לינקס, כמעט נעבן דעם סופֿיט. אויף דער ערד, נעבן יעדער וואַנט — אַ שטרויזאַק. ביים צוקאָפּנס פֿון יעדן שטרויזאַק — אַ גאַנץ גרויסער קלומיק מיט אַ לאַנגען שטעקן. ביי דער טיר רעכטס, עטלעכע פּאָליצקעלעך, וווּ מען זעט ספֿרים און טלית־ותפֿילין. דאָ און דאָרט — עטלעכע קלעצלעך, געווען בריטער, מען קאָן אויף זיי זיצן

ד ו ד אַ יונגערמאַן פֿון אַ יאָר עטלעכע דרייסיק, מיטלהויכער, הויכער שטערן, לאַנגע שוואַרצע האָר און באָרד, ווילד צעשויבערט, ליגט אויפֿן שטרויזאַק, רעכטס, און זעט אויס צו דרעמלען.

ע ז ר י ה אַ גרייז־גרויער זקן זיצט אויף דער ערד, מיט אַ זעקעלע אַש אויפֿן קאָפּ. נעבן אים שטייט אַ קלעצל און אויף דעם אין אַ לייכטער, ברענט אַ קליין שטיקל ליכט, וואָס וואַרפֿט שוין אין צאַנקען וואַרטנדיק אויף די ווענט פֿאַרשיידענע שאָטנס. נאַכטס. דרויסן הערט זיך רעגנדיקע דונערן און פֿון צייט צו צייט זעט מען דורכן פֿענצטער, ווי עס בליצט.

ע ז ר י ה

מיט אַ טרויעריקן ניגון

ד' ממרום ישאג

וממעון קדשו יתן קולו —

זינגט זאָגט אַ ווײַלע שטיל און הויבט אָן העכער

על אלה אני בוכיה.

עיני עיני יורדה מים,

כי רחק ממני מנחם

משיב נפשי...

ד ו ד

זעצט זיך געראַכטיק אויף, קוקט זיך אַרום אין צימער, באַטראַכט אַ ווײַלע דעם זקן, מיט אַ מינע פֿון פֿאַרצווייפֿלונג, גיט אַ טיפֿן זיפֿץ און וואַרפֿט זיך צוריק אויף זיין געלעגער.

ע ז ר י ה

זאָגט ווייטער

שכינה מה אוכרת —

קלני מראשי,

הגדולה והגבורה והתפארת

עברו ראשי,

והנצח וההוד אין דורש לנפשי.

ותזנח משלום נפשי.

ד ו ד

שפּרינגט אויף פֿון זיין געלעגער

איך קאָן דאָס מער נישט איבערטראָגן!.. ניין...

דרייט זיך געראַכטיק הין און הער אַרום איבערן צימער

ע ז ר י ה

עד מתי, ד' אשכבה בין שפתים

ובין תנור וכירים,

יכהו לי עינים...

ווייַנט ביטערלעך

ד ו ד

עד מתי?.. עד מתי?..

אָט אַ פֿראַגע, וואָס איך שטעל שוין יאָרן־לאַנג

און קיינער וויל אויף איר נישט ענטפֿערן...

ווי לאַנג נאָך איז דער שיעור צו וואַרטן? —

שפּאַצירט געראַכטיק איבערן צימער

גייט תּמיד אין פֿאַרשאָלטענע קייטן

אַ הענט, אַ פּנים געשמידט;

דאָס פּנים אין אַ שלייער שוואַרץ פֿאַרבאָרגן. —

איר שטיל געוויין מאַכט ציטערן די הימלען!

זי וואַשט מיט טרערן ביטערע דעם אָרימען בעטלער;
זי וואַשט און וואַשט — און ער בלייבט אַלץ נאָך טמא,
ווי אינעם טאָג פון זיין ירידה.

עזריה

מיט צדקות

אַזוי איז דאָס, און ס'דאַרף דערווייל אַזוי צו זיין...
נישט מעגלעך דאָס צו ענדערן,
ביז קומען וועט די צייט.

דוד

און ווען וועט זי אַמאָל שוין קומען,
די צייט? ווען?... ווען?...

עזריה

דאָס ווייס נישט קיינער...
רזי דרזין... סודי סודות...

דוד

איך קאָן שוין לענגער איר געוויין נישט הערן;
די קייטן דריקן ווי אַ שווערע לאַסט
אויף מיין געוויסן;
די טרערן אירע שטעכן מיר די אויגן אויס,
זיי צינדן אָן אַ שרפה—אַלץ אין מיר דערציטערט,
פון צער, אהבה און חרטה...

עזריה

די שולד איז וועמענס?
אַליין געוואָלט דאָס... און וויל דאָס נאָך אַצינד,
און טרייסטן לאָזט זי זיך נישט.
אַליין אויף זיך דעם צער גענומען...

דוד

און מוז דאָס אַזוי בלייבן?

עזריה

דערווייל... יאָ. אַלץ איז אַ „דערווייל" ביי אונז...

דוד

ווער ווייס, ווי לאַנג נאָך דער „דערווייל" וועט דויערן...
און זי וועט וויינען, זי וועט קלאָגן,
און יעדער וועט מיט זיינע פיס זי טרעטן...

עזריה

אַ יעדע טרער, וואָס זי פאַרגיסט, וואַשט ריין דעם וועג
און ברענגט אונז נענטער מיט אַ טריט צום ציל...

דוד

זי ברענגט אונז נענטער — און מיר?

עזריה

אויך דאָס וועט לאַנג נישט האַלטן —
וואָס סהאָט אַן אָנהויב, האָבן מוז אַ סוף!

דוד

און איך אַ, אַלטער זאָג:
דעם קץ נאָר ברענגען קאָנען מיר אַליין...
מיר האָבן צו אבלות זי געטריבן,
מיר קאָנען פון אבלות זי באַפרייען!..

עזריה

דאָס האָבן שוין אַ סך געטראַכט —
און שפּעט דעם טעות פאַרשטאַנען;
אַ סך דאָס שוין געפּרובט —
און לעבנס טויזנטער דערפאַר באַצאָלט...

דוד

געפעלט זיי האַרץ, דעם קאַמף ביז סוף צופירן...

עזריה

נאָך נישט געווען די צייט, די ריכטיקע...

דוד

איך וועל זי ברענגען, די צייט, די ריכטיקע!..

עזריה

דו נעמסט אויף זיך?!..

דוד

איך וועל זי ברענגען, זאָג איך דיר.

עזריה

אַ, קינד...

דוד

באַפרייען מוז איך זי!..

עזריה

נישט מער, ווי אַ געדאַנק,
דאָס וועט אַריבער...

דוד

איך שווער עס, אַלטער! כשוואָר!

עזריה

שפּרינגט אויף צושראָקן — מען קלאַפּט אין טיר

סאיז זי... זי האָט דערהערט דיין שבועה.

לויפט צו און עפנט אויף די טיר

די שכינה

באַווייזט זיך איינגעהילט אין אַ שוואַרצן שלייער. ביי איר יעדער באַוועגונג הערט מען דאָס קלינגען פון אירע קייטן. דוד און עזריה בלייבן שטיין פאַר איר מיט יראת-הכבוד. די דונערן און בליצן הערן האָט אַמאָל אַלץ שטאַרקער. דאָס ליכט לעשט זיך אויס

איך וואַנדער דורך דער לאַנגער פינצטערער נאַכט,

איך קלאַפּ אין אַלע טירן
און קיינער לאָזט מיך נישט אַריין...

עזריה

האָסט לאַנג געזוכט דעם וועג אַהער?
האָט עמיץ דיך געפירט?
צי האָסט אַליין אַהער געטראָפן?

די שכינה

דער צער האָט מיין וועג באַלויכטן.
געוואַנדערט דורך די גאַסן — אַלע שלאָפן...
געשלאָסן טיר און טויער... קיין שפּור פון ליכט...
און ווי איך בין פון שטאָט אַרויס,
האָב איך אַ פונק דערבליקט... אַ פריינטלעך וואָרט דערהערט...

דוד

מיט אַ באַהערשטער שטים

האָסט געהערט מיין שבועה, מוטער?

די שכינה

צופרי געשוואוירן, קינד! צו ווייניק נאָכגעטראַכט...

עזריה

איך האָב געזאָגט...

דוד

דערפאַר וועל איך פיל טון...

די שכינה

אַ סך שוין האָבן פיל געטון,
נאָר אויסגעפירט ביז איצט — נאָך קיינער...

עזריה

מיינע רייד...

ד ו ד

פארוואס דען וואלסטו זיי ניִשט העלפן?

די שכינה

איִך טאר ניִשט..?

ד ו ד

פארוואס אליין די קייטן ניִשט צורייסן? —
דעם שווארצן שלייער, וואס באדעקט דיין פנים?

די שכינה

ניִשט איִך האב זיי מיִר אנגעטון,
ניִשט איִך אליין איִן חשכות מיִך געהיִלט.

ד ו ד

ווער דען?

די שכינה

נאר די, וואס האבן מיִך צום צער געטריִבן.

ד ו ד

איִך ביִן פון יענע—איינער, מוטער,
צושפאלטן ווערט דאס הארץ מיִר פון חרטה!..

די שכינה

ווי דו — פאראנען, אבער ווייניִק, קינד...

ד ו ד

איִך מוז פון צער דיִך באפרייען, מוטער!
איִך מוז פון גלות דיך דערלייזן!..

די שכינה

ס'וועט קאסטן לעבנס טויזנטער, מיין קינד.

עזריה

ווער חיים, וואס פאר א צרות!..

ד ו ד

חבלי גאולה! . חבלי משיח!..

עזריה

און וועט ניִשט לויערן קיין שטרויכלונג אויף זיין יוגנט
א, מוטער, רייד!..

די שכינה

איִך טאר ניִשט...

ד ו ד

וואס דארף איִך טון? רייד, מוטער!
צופאלגען ביִן איִך גרייט!..

די שכינה

איִך טאר ניִשט — —
סמוז קומען פון דיין אייִגענער נשמה.

ד ו ד

זאג ווייניִקסטנס, וווהין איִך זאל מיִך קערן!..

די שכינה

כמעג זאגן נאר, וואס אנדרע האבן שוין געזוכט...

ד ו ד

זאג, מוטער זאג! איך בעט דיִך...

די שכינה

זיי האבן גליִק געזוכט, און צער געבראכט.
נאך אמת זיִך געיאגט און פאלשקייט בלויז געזייט.
צו ליִכט געגלוסט און חשכות נאר פארשפרייט...

עזריה

מיִט טרעין איִן די אויגן.

א חשכות, א געדיִכטע, פיִנצטערע נאכט...

ד ו ד

זיי האָבן גליק געזוכט —
און איך וועל זוכן אומגליק.

ע ז ר י ה

רבונו של עולם!..

ד ו ד

געזוכט דעם אמת... איך וועל זוכן פאַלשקייט.

ע ז ר י ה

אָ, גאָט! וואָס פאַר אַ רייד!..

ד ו ד

געשטרעבט צו ליכט, — און איך וועל זוכן פינצטערניש..

ע ז ר י ה

הויבט אויף די הענט דערשראָקן

דו ציטערסט גאָרנישט פאַר אַזעלכע רייד?

ד ו ד

געשראָקן האבן זיך די זקנים —
די יונגע וועלן טון...

ד י ש כ י נ ה

אין קעניגרייך פון פינצטערניש געוואָרנט זיי. —
מיין גרעסטן שונא וועסטו דאָרטן טרעפן.

ד ו ד

איך וועל אים פאַנגען!

ד י ש כ י נ ה

זייט אייביק פירן מיר אַ שווערן קאַמף,
און דער נצחון איז פאַר אַלעמען פאַרהוילן...

ד ו ד

ווי רופט מען אים?

ד י ש כ י נ ה

די „מוטער פון דער נאַכט"...
איר שוואַכסטער נאָמען...

ע ז ר י ה

די סיטרא אחרא?..

ד י ש כ י נ ה

נישט זאָג דאָס וואָרט...

ד ו ד

ווי זעט זי אויס?

ד י ש כ י נ ה

ווי איך — נאָר בלויז מיט אירע קליידער.
די נאַכט איז מיר אַ טרויער, איר — אַ פרייד...
מיר רוען ביידע גלייך אויף יעדער מענטשנשוועל, —
זי פירט מיט מיר אַ שרעקליכע מלחמה.
און רופט מיין נאָמען ווער, פאַרשטעלט זי מיר דעם וועג...

ד ו ד

און מיינען, מיינט מען דיך?

ד י ש כ י נ ה

דאָס מויל רופט אָפט מיין נאָמען —
דאָס האַרץ איז אָבער פרעמד...

לאָזט זיך אװעקגיין

איין זאַך נאָר מוז איך זאָגן:
אַ שווערער איז דער קאַמף!
און שוועכט דיין רצון — פאַלסטו,
און ביזט אין איר רשות —

דיין טויט איז אומפאַרמיידלעך!

גייט צום טיר

עזריה

צו דודן

הער אויף, בלייב רויק, זאָג איך דיר!..
בּהדי כּבשי דרחמנא מה לך?..

דוד

מיין רצון איז צו שטאַרבּן
פאַר דיין דערלייזונג, מוטער.

די שכינה

דו ביזט באַהאַרצט, מיין קינדו

גייט

דוד

איין וואָרט נאָך, מוטער! איינס נאָך!
געלינגט מיר זי צו פאַנגען, —
וואָס זאָל איך מיט איר טון?

די שכינה

איר כּח איז דער לבוש, די נאַקעטקייט — איר טויט...

פּס. א הוילע איז שטיל. עזריה און דוד שטייען ווי פאַרשטיינערט און קוקן צו דער טיר.

דוד

העפטיק

אויך דו וועסט העלפן, אַלטער!..

עזריה

כּבין גרייט

מען קלאַפּט אין טיר

ווער דאָרט? —

עס הערט זיך א געלעכטער

ווער דאָרט?..

א געלעכטער מען קלאַפּט היידער — עזריה שפּרינגט אָפּ דערשראָקן

דוד

ווער דאָרט?

אַ שטים

פון יענער זייט טיר

עפן אויף!..

דוד

איך עפן נאָר מיין טיר, ווען כוויס פאַר וועמען.
ווער ביזטו?...

אַ צווייטע שטים

ווי פריער

עפן אויף!

עזריה

אַ נאָמען זאָג!

א געלעכטער

דוד

דיין נאָמען!...

אַ דריטע שטים

ווי פריער

מיין נאָמען טאָר איך דיר נישט זאָגן,
ווי לאַנג איך זע דיין פּנים נישט..

אַ פירטע שטים

ווי פריער

קיין פריינט און אויך קיין פיינט..

די ערשטע שטים

ווי פריער

איך זוך דעם קעמפער...

א צווייטע שטים

חי: פריער

איך באָד מיך אין לבנה זילבער-שטראַלן,
אָן מורא פאַר איר ליכט...

עזריה

דו האָסט קיין מורא נישט פאַר ליכט?

שי געלעכטער

דוד

אַן ענטפער געבּ! אויב נישט, בּין איך משבּיע!..

די צווייטע שטים

חי: פריער

איך ליבּ דעם בּין-השמשות
קיין נאַכט-ליכט שרעקט מיך נישט...

די דריטע שטים

חי: פריער

איך האָבּ געהערט דיין שבועה...

די פירטע שטים

חי: פריער

מיין וואוינונג איז דער שטיין אין פעלד...

דוד

איך ווייס שוין, ווער דו בּיזט — אַריין דער ערשטער!...

עפנט די טיר. — עס קומען אריין פיר שדים, משונה'דיק געקליידט, זעצן זיך אויף חוצפה'דיק אויף די קלעצלעך

ערשטער שד

איך בּין צו דיר געשיקט — —
דיין שבועה האָט ס'גיהנום אויפגעבּרויזט.

צווייטער שד

לילית האָט פאַר כּעס געוויינט..

דריטער שד

און נעמה אויך...

פירטער שד

געשוואוירן טויט אַ גאַנצער שטאָט...
ס'האָט משחית דעם באַפעל באַקומען,
מיט בלוט פון אשמדאי געחתמעט.
נאָך איידער ס'וועט די זון זיך ווייזן,
דערפילן וועט דאָס מענשנקינד זיין מאַכט...

עזריה

פאַרטיליקן אַ שטאָט מיט מענטשן!...

געלעכטער

דוד

מיט שטאַרקייט

בּיזט שרעקן מיך אַהער געקומען?
מעג טויזנט מאָל דער גיהנום בּרויזן,
איך וועל מיין שבועה האַלטן.
די מוטער פון דער נאַכט וועט זיין אין מיין רשות...

ערשטע דריי שדים

אַז וויי צו דיר!...

דוד

צום פירטן שד

דו רעדסט קיין וואָרט נישט? זאָג, פאַרוואָס
בּיזט שטום?

פירטער שד

ציטערנדיק

איך ווייל דיך פרעגן,
צי וועסט דערלויבען מיר אוועקצוגיין?

ד ו ד

די פראגע שטעלן האסטו פריער געדארפט
נאך איידער ביזט אהער אריינגעגאנגען.

פ י ר ט ע ר ש ד

פאראן אין שטוב א זאך, וואס שרעקט...

ד ו ד

וואס שרעקט דיך? ווייז!

פ י ר ט ע ר ש ד

וואס ליגט אין יענעם זאק?

ד ו ד

אהא! די תפילין?

שדים טרעטן צוריק דערשראקן

נישט שרעקט. איך וויל קיין בייז נישט טון...

ע ר ש ט ע ר ש ד

דו האסט געשוואוירן ליליתן צו פאנגען!

ד ו ד

יא.

ע ר ש ט ע ר ש ד

דו האסט אקייגן דיר דעם גאנצן גהינום...

ד ו ד

די הייליקייט מיט מיר...

צ ו ו י ט ע ר ש ד

דיין טויט איז זיכער...

ד ו ד

נישט זיכערער ווי מיין נצחון...

ד ר י ט ע ר ש ד

פאראן צו גליק אן אנדער וועג:
דיין ווארט פארוואנדל אין געזעץ
אין הערשער־זוכט דיין רצון — שטיל.
מיר זענען קנעכט געהארכזאמע, געטרייע...

ד ו ד

פון כף־הקלע!...

ד ר י ט ע ר ש ד

דער כף־הקלע איז די אייביקייט...

ד ו ד

א, שווייג!...

צ ו ו י ט ע ר ש ד

נישט שטויס אוועק דאס גליק מיט אייגענע הענט.

ד ו ד

שוין אלץ געזאגט?

א ל ע פ י ר ש ד י ם

דערוייל...

ד ו ד

איצט מעגן דריי פון אייך אוועק:
דער פערדשטיין בלייבט.

פ ע ר ט ע ר ש ד

וואס האסטו דען צו מיר?
איך טו דיינסגלייכען קיינמאל נישט קיין בייז.

דוד

איך ווייס. ביזט נישט קיין שונא דעם גערעכטן,
איך וועל באַהאַנדלען דיך מיט פֿריינטשאַפֿט.

די איבעריקע שדים

דיין לעצטן ענטפֿער?

דוד

קריג און זיג!

אַלע פֿיר שדים

געווינסטו — זענען מיר פֿאַרלוירן;
פֿאַרליסטו — זיי געגרייט צו שטאַרבן!..

דוד

גייט!

ערשטע דריי שדים

וויי צו דיר!... אָפּ

דוד

צום פֿירטן שד וואָס בלייבט

דו ביזט דער פֿעלדשטיין,

דער פֿעלדשטיין

פֿירטער שד

מיין וואוינונג איז דער שטיין אין פֿעלד.
פֿאַרוואָס פֿאַרהאַלטסטו מיך? די העגער קרייען!
די צייט איז קורץ — איך מוז אַוועק — — —

דוד

אַוועקגיין קאָנסטו נאָר בתנאַי...

דער פֿעלדשטיין

בתנאַי?

דוד

איך וויל פֿון דיר אַ שבועה..

דער פֿעלדשטיין

פֿון מיר!

דוד

יאָ... געהערסט צו די, וואָס האַלטן פֿון אַ שבועה..

דער פֿעלדשטיין

וואָס ווילסטו דען?

דוד

דו זאָלסט באַגלייטן מיך אין קאַמף...

דער פֿעלדשטיין

דערשראָקן

אין קאַמף מיט אַשמדאַי און לילית?...

דוד

יאָ...

דער פֿעלדשטיין

מיין אייגענער צושטערער זיין?

דוד

צי גייט איר אונז נישט ס'אייגענע צו טון?

דער פֿעלדשטיין

איך קאָן נישט...

דוד

דו מוזט... אויב נישט פֿאַרהאַלט איך דיך ביז וואַנאויפֿגאַנג —
און דאַן ביזטו פֿאַרלוירן...

דער פֿעלדשטיין

איך טאָר נישט קעמפֿן... דיך באַגלייטן וועל איך...
דיר זאָגן, וואָס צו טון, ס'זאָל דיר קיין בייז געשען...

דוד

מיט דעם בין איך פֿאַרזיכערט —
איך וויל דו זאָלסט מיר העלפֿן זוכן, קעמפֿן...
און פֿאַנגען —

דער פֿעלדשטיין

זוכן, קעמפֿן, פֿאַנגען?

דוד

יאָ.

דער פֿעלדשטיין

און דאָס איז אַלץ, וואָס דו פֿערלאַנגסט?

דוד

אַלץ...

דער פֿעלדשטיין

איך טאָר נישט...

העכער געקריי

לאָז פֿריי... כ'וועל דינען אָן אַ שבועה.

דוד

דו מוזט!...

דער פֿעלדשטיין

איך קאָן נישט...

דוד

באַפֿעלעריש

שווער!

דער פֿעלדשטיין

איך בעט.

דוד

שווער!

העכער געקריי

דער פֿעלדשטיין

די העכער קרייען... די צייט איז קורץ... איך שווער!...

דוד

ביי אשמדאי און לילית!

דער פֿעלדשטיין

איך שווער!

דוד

ביי נעמה, אגרת און מחלת

דער פֿעלדשטיין

איך שווער!

דוד

איצט שווער, אַז ביי מיין ערשטן רוף,
וועסטו זיך באַלד באַווייזן.

העכער געקריי

דער פֿעלדשטיין

ביטערגדיק

איך בעט דיך!...

דוד

שווער!

דער פֿעלדשטיין

איך שווער!...

ד ו ד

איצט גיי!

ד ע ר פ ע ל ד ש ט י י ן

איך דאַנק דיר אָפּ

דער סאַג הויבט אָן פּריינקוקן דורך די פֿענצטער — באַלד ווערט ליכטיק.

ד ו ד

דעם איינעם האָב איך שוין, דעם באַרג-גייסט נאָך,
און די מלחמה איז געווינען...

ע ז ר י ה

איז אָנגעהויבן, ווילסטו זאָגן?...

ד ו ד

געווינען, זאָג איך, אַלטער;
און די מלחמה איז געווינען!

ע ז ר י ה

און אפשר איז דער קץ שוין נאָנט...
רבונו דעלמא כולא!..

ד ו ד

כּריכל האָט קיין צייט באַשטימט.
שובו אלי ואשובה אליכם — זאָגט ער;

מען קלאַפּט אין טיר

ע ז ר י ה

דאָס איז דער אַלטער למך,
ער ברענגט אונז זיכער אַרבעט.

מאַכט אויף די טיר

ל מ ך

אַן אַלטער האַלצהעקער, קומט אַריין, די זעג-באַנק אויפן אַקסל אויף דעם אַנדערן — די האַק

גוט מאָרגן ר׳ עזריה!
גוט מאָרגן אייך ר׳ דוד!...

ע ז ר י ה

גוט מאָרגן אַ גוט יאָר ר׳ למך!...

ל מ ך

טויבלעך

האָ?

ד ו ד

שרייט אים אין אויער אַריין

גוט מאָרגן זאָגט מען אייך.

ל מ ך

שטעלט אַוועק די זעג-באַנק מיט דער האַק

אַזוי?... גוט מאָרגן? אַ גוט יאָר אייך!...
אַ דאַנק, אַ לויב השם יתברך,
פאַראַן אַביסל אַרבעט.

ד ו ד

צו עזריה

וואָס זייט איר עפּיס אַזוי בלייך געוואָרן,
ר׳ עזריה?

ע ז ר י ה

אײנבײגנדיק זיך

איך פיל מיך עפּיס נישט מיט אַלעמען.

ד ו ד

גייט, לייגט זיך צו אַביסעלע,
דער שלאָף וועט אייך דערפרישן.

ל מ ך

אַ מורא׳דיקע נאַכט געווען!...

און שלאָפֿן זיך געלייגט — —
כחצות הלילה כאַפּן זיי זיך אויף...
אַ קראַמף נישטאָ געדאַכט, פֿאַרוואַרפֿן מיט די קעפּ...
און עק — אַ סוף —

ע ז ר י ה

איינביינגנדיק זיך אין דריטען

אָך, אָך, אָך! —

קוקט צו דוד, וואָס דרייט זיך נערוועז ארום אין צימער

ד ו ד

איר פילט זיך, ר' עזריה, קראַנק? גייט שלאָפֿן
און רוט זיך אויס

פירט אים צום שטרוי-זאַק. — עזריה לייגט זיך

ל מ ך

פֿון קליינע קינדער — טאַטעס, אַלע פּינף —
אוף! טוט אַ יאָמער זיך אין שטאָט...
עס שטעלן זיך די האָר קאַפּויר...
די גאַס נישט דורכצוגיין...

ע ז ר י ה

מיט חייטיק

אָך!...

ל מ ך

זייט איר בכּוח היינט צו אַרבעטן,
ר' עזריה?

ד ו ד

צי מוז מען היינט דאָס האָלץ צוהאַקן?...

ל מ ך

למען השם, היינט! ס'וועט זיין

שוין יאָרן נישט געהערט אַזעלכע דונערן...
מיר אָנגערעגנט אַ פולע שטוב...
די אַלטע, לא עליכם, קראַנק;
אַ גאַנצע נאַכט געקרעכצט, געוויינט...
איך האָב קיין אויג נישט צוגעטון...
אַ מורא'דיקע נאַכט — —
דער שטורם האָט חורבונות אָנגעמאַכט...
אַ דעכער צען אין שול-גאַס אָפּגעריסן...
אין וואַלד אַ גוזמא בוימער אומגעוואָרפֿן...

ד ו ד

וואָס הערט מען עפּיס אין דער שטאָט?

ל מ ך

שאָקלט מיטן קאָפּ

אָהאָ; אין שטאָט? נישט גוט... ניין גאָרנישט ייס...

ד ו ד

וואָס איז געשען?

ל מ ך

אַ קללה בושעוועט אין שטאָט...
אַ שטיקלעך פּינף נישטאָ געדאַכט...

ד ו ד

דך אַ האָרף טוענדיק

געשטאָרבן!...

ע ז ר י ה

מיט אַ קול פֿון אַ קראַנקן וואָס ליידט

געשטאָרבן!... ברוך דיין אמת!...

ל מ ך

געווען געזונט און שטאַרק, פֿון גאַס געקומען,

אַ גילדן צוויי פֿאַר יעדן...

ד ו ד

גוט, איך וועל האַקן; איר וועט זעגן
נעמט מיט די האַנט=זעג: ווייל ר׳ עזריה
כ׳באַדאַרף היינט גאָרנישט טון...

ל מ ך

אויב נאָר איר ווילט, באַשטיי איך...
זיי בעטן שפּענער. אין אַ זייט צולייגן:
ס׳זאָל זיין צו מאַכן פייער.

ד ו ד

ס׳פֿאַרשטייט זיך.

ע ז ר י ה

מאַכנדיק קאָנוולסיווע באַוועגונגען

אָך—אָך—אָך!

ל מ ך

זיי מאַכן חתונה אַ בתולה,
פֿאַרשטייט זיך, דאַרף מען באַקן, קאָכן...

ד ו ד

באַפּט אַ בליק צו עזריהן — שפּאַצירט אַרום אין צימער

און מער האָט איר אין שטאָט שוין נישט געהערט?

ל מ ך

מכּוח וואָס?

ד ו ד

מכּוח דעם חולאת, מיין איך.

ל מ ך

מען זאָגט, אַז ס׳איז די גוטע קראַנקייט...

ע ז ר י ה

מיט אָפּגעהאַקטן אָטעם

ס׳איז די מגפֿה!... יאָ... איך פֿיל!...

ל מ ך

כאָלערא רופֿן עס די מומחים...

ע ז ר י ה

זעצט זיך אויף קאָנוואולסיוו

...ווער ווייס... וויפֿיל ס׳וועלן נכשל ווערן...
און טאַטעס... קינדער...

ל מ ך

מען שמועסט אין שטאָט, אַז מהאָט געהערט
די נאַכט, אין אַלע טירן קלאַפּן —
גאָר אַנדערע זאָגן: אַז אַ פֿרוי אין שוואַרצן...
איז דורך די גאַסן אומגעלאָפֿן,
און יאָמערלעך געשריגן...
אויף דעם בית-עלמין זאָלן פֿון די קברים
די קליינע קינדער האָבן אַרויסגעוויינט...
איין גאָט נאָר ווייס, אויף וואָס מען האָט זיך צו דערוואַרטן...

ע ז ר י ה

רבונו של עולם!...
זאָלסט האַלטן איבער אונז... דיין רעכטע האַנט...

ד ו ד

הייבט צו זיך אַליין

געשוואוירן טויט אַ גאַנצער שטאָט מיט מענטשן...

ע ז ר י ה

עס איז דעם משחית-האַנט דערביי...
זיי האָבן אונז קיין ליגן נישט געזאָגט...

באַטראַכט זיך...

דוד

שרייענדיק אים אַריין אין פּנים

צו שפּעט צו טראַכטן, אַלטער!

צו שפּעט!... אַפּ

למך

מיטן הערקציינ אַפּ נאָך אים

עזריה

מיט אָפּגעהאַקטן אָטעם און קאָנוואולסיוו

משחית... אַ שטאָט מיט מענטשן... אָך—אָך—אָך!....

ערשטער בעטלער

דער אַלטער זעט אויס, קראַנק צו זיין...

ווי שוואַרץ ער איז געוואָרן!...

די מכשפה

סהאָט אים געטראָפן...

צווייטער בעטלער

אָנגעמענדיק עזריהן

שטרעקט אויס זיך אויפן בעט, ר׳ יוד.

עזריה

איך... קאָן... נישט... סציט... איין....

ערשטער בעטלער

ציט ניך אים אויס און רייבט די גלידער...

ער רייבט אים די גלידער

אַזוי, מיט כּח!... פיס... און הענט...

דער בעל־עגלה

לאָזט מיך!...

למך

מען שמועסט, אַ בית־דין זאָל אַראָפּגיין

די קינדער איבערבעטן..

מען זאָל אַ חופּה שטעלן...

עס רייסט זיך אויף די טיר. — אַן אַלטע איינגעבויגענע מכשפה, אָנגעלענט אויף אַ שטעקן, אַ שוואַרצבאָרדיקער מגושמדיקער בעל־עגלה מיט אַ לאַנגער בייטש אין האַנט, אַ מילך־מיצל אויפן קאָפּ אַ רויטן גאַרטל אַרום די לענדן, און צוויי יידישע בעטלער קומען אַריין

די מכשפה

אַ חורבן איז אין שטאָט!...

איינער פון די בעטלער

אַ צאָרן אויסגעגאָסן! —

עס פאַלן מענשן ווי די פליגן...

דער בעל־עגלה

קוקט אויף דודן

געדויערט עס אַ טאָג, צוויי,

איז אונזער שטאָט פאַרביי...

די מכשפה

צו דודן

אוי, קליינע קינדער, נשמות יינגע —

וואָס האָבן זיי געזינדיקט?...

חינקט זיך איבער מיטן בעל־עגלה

דוד

גבריהעז צו עזריהן

איך גיי אין שטאָט אַריין...

עזריה

קאָנוואולסיוו

ס׳וועט קאָסטן לעבנס טויזנטער...

הינקט זיך איבער מיט דער מכשפה און העלפט ריבן

די מכשפה
ער איז פארשטארצט...

צווייטער בעטלער
ראיז קאלט ווי אייז... ער אטעמט נישט...

ערשטער בעטלער
אָ, ניין! אָט רירט ער מיט אויגן...

די מכשפה
ער מאַכט זיי צו...

דער בעל-עגלה
ער שטאַרבט!...

ערשטער בעטלער
רייבט פעסט... מיר וועלן אים דעררופן...

דער בעל-עגלה
דערהייטערט זיך. אויפן האַנט האט עזריה ליגט באַהייזט זיך אַן אָפשיין
ער איז טויט!...

די מכשפה
בייגנדיק צו דער טיר
טויט!... טויט!... טויט!...

הינקט זיך איבער מיטן בעל-עגלה, און זיי גייען ביידע אײַלעדיק אַפּ

די צוויי בעטלער
באַטראַכטן נאָך אַ וויל דעם אלטן, רופן גלייכצייטיק אויס
ברוך דיין אמת!...

און בעת זיי דעקן אים איבער, פאַלט דער פאָרהאַנג לאַנגזאַם

צווייטער טייל.

אַ בית-הקברות, מצבות, רייכערע און איינפאַכערע, אויסגעשטעלט אין אָרדנונג. דאָ און דאָרט — גרויסע דעמבאָרטע ביימער, וואָס זיינען שוין כמעט נאַקעט. הויפנס פאַרוועלקטע בלעטער ליגן אָנגעוואָרפן און האַלב צוטראָטן אויף דער ערד, וואָס איז נאַס און גלאַנציק — קענטיק, נאָר וואָס נאָך אַ רעגן. פון צייט צו צייט דונערט נאָך און עס בליצט. אין הינטערגרונט, רעכטס אַ קליין, כמעט איינגעפאַלן הייזל מיט אַ שטרוי-דאַך: קברות-יודס דירה; לינקס, אנטקעגן הייזל — דער אוהל. צווישן זיי ביידע, אַ גרויס, ברייט טויער מיט צוויי טירן האַלב אָפן. — נאַכט. פון הייזל לייכט זיך, און מען הערט אַ קינד אַרויסוויינען.

אַלטע מכשפה

אַן איינגעבויגענע, מיט ווייסע, צעשויבערטע האָר, מאָגער און צוקנייטשט פנים, בלינד אויף איין אויג, גייט אָנגעשפאַרט אויף אַ שטעקן, און פירט ביי אַ שטריקל אַ שוואַרצע קאַץ. דערמאָנט שטאַרק אָן דער מכשפה פון ערשטן טייל
וואָס ציט דיך אַזוי שטאַרק צו יענעם קבר?
און טרעטסט נישט אָפּ? וואַרט אויס אַ ביסל...
וואַרט אויס, זאָג איך...
כאַפּט אַ קוק צום קברות-יודס הייזל
עס לייכט זיך דאָרט...
און האַלט ער איצט אין דאַוונען, איז די מי אומזיסט...
גייט לאַנגזאַם צו צום פענסטער און קוקט אַריין
ער שלאָפט... זי — אויך... און הערן גאָרנישט,
אפילו נישט דאָס וויינען פונם קינד... ש-ש-ש!..
הוסט — גייט צו צו אַן אומבאַצוימטן קבר
כאַ-כאַ! דאָ ליגט דאָך אַ געהאָנגענער!..
דיין אַלטער בעל-הבית, כי-כי-כי!..
קוים גליקט מיר אָפּ זיין לינקע האַנט צו קריגן

אַפילו בלויז דעם גראָבן פינגער —
בין איך געהאָלפן... הוסט

יונגע מכשפה

אַ יונגע, מיט געלע האָר, קרומע נאָז, בייזע אויגן, איינגעהילט אין אַ טערקישן שאַל, — באַוויזט זיך צווישן בוימער.

נאָך אַלץ די נאַכט צו רויק, שוועסטער,
די לופט צו וואַרים. — שטורם-וועטער נויטיק...

אַלטע מכשפה

מיט אומצוטרוי.

זאָג, וועמענס טאָג איז היינט?

יונגע מכשפה

דער טאָג איז גאָרניש, בלויז די נאַכט איז גרויס!...

אַלטע מכשפה

און וועמענס איז די נאַכט?

יונגע מכשפה

אין שטאָט, ניט יענעמס, וואָס אין וואַלד...

אַלטע מכשפה

דו ביזט אַ שוועסטער?...

יונגע מכשפה

זאָל לעבן לילית!...

אַלטע מכשפה

זאָל לעבן לילית!...

יונגע מכשפה

וואָס ווילסטו דאָ, מיין שוועסטער?

אַלטע מכשפה

דאָס אייגענע, וואָס דו.

יונגע מכשפה

ביזט אָבער פריִער אָנגעקומען:
דאָס אָרט איז דיינס.

אַלטע מכשפה

די שולד איז וועמענס?
ביי שלאָפן מיטן זון-אויפגאַנג —
און מיטן בין-השמשות — וואַך...

יונגע מכשפה

צו לאַנג ביי זיך געהאַלטן האָט מיך משחית...
שענק ווייניקסטנס דעם מינדסטן פינגער —
אויב דו באַקומסט די גאַנצע האַנט...

אַלטע מכשפה

און וואָס ווועסטו דערפאַר מיר שענקען?

יונגע מכשפה

טרעף...

אַלטע מכשפה

די צונג אין גומען פון אַ ממזר,
פון אייגענע מוטער-הענט דערוואָרגן,
אין נאַכט פון ערדישער בהלה...

יונגע מכשפה

נאָך בעסערס...

אַלטע מכשפה

דעם צאָן פון אַ געקעפטן פאָטער-מערדער!..

יונגע מכשפה
נאָך בעסערט...

אַלטע מכשפה
זאָג דו אַליין! איך קאָן נישט טרעפֿן...

יונגע מכשפה
די נאָז פֿון אַ יעזויִט אין אינקוויזיציע־צייט...

אַלטע מכשפה
טאַקי!...

יונגע מכשפה
זעט אויס נאָך פֿריש און שיין גענוג...
איך ווייס אַן אָרט, וואו סיזיינען פֿיל פֿאַראַן...

אַלטע מכשפה
געמאַכט! העלף גראָבן.

יונגע מכשפה
איך האָב מיין שוואַרצע קאַץ פֿאַרגעסן.

אַלטע מכשפה
פּרוב ערגיץ דאָ אַ זוך טון איינע...

יונגע מכשפה
ווער ווייס, צי וועל איך היינט געפֿינען?
די מאַמע טאַנצט אויף אַלע דעכער,
און ס׳טאַנצט מיט איר די גאַנצע כּיתה...

אַלטע מכשפה
גערעכט, מיין שוועסטער, היינט איז מאָנטיק,
און ס׳זינגען אַלע קעץ איר שירה...
נו, וואַרט. וועל איך אַליין שוין גראָבן.
גראַבלט מיט די נעגל אויפֿן קבר

יונגע מכשפה
און משחית פֿירט דעם קאַראַהאָד...
און איבערקערעניש אין שטאָט.
סמואל טאַנצט אַ פֿריילעך־טאַנץ
צוליב איין מענטשן וויל ער אַלץ פֿאַרדאַרבן...

אַלטע מכשפה
צוליב דעם למד־וואָוניק?

יונגע מכשפה
און איך געפֿין, אַז ס׳איז קיין שכל נישט...
די מענטשן ווערן פֿרומער אין אַ נויט...

אַלטע מכשפה
דער קאַמף וועט זיין אַ מורא׳דיקער, שווערער.

יונגע מכשפה
ווער, מיינסטו, וועט געווינען?

אַלטע מכשפה
צו שווער פֿאָראויס צוזען.
דער למד־וואָוניק איז אין רצון שטאַרק —
אין קאַמף באַהאַוונט... און נישט ווייניק שעדלעך...
דו זעסט? די האַנט איז שוין אין דרויסן. — —
דיין מעסער געב!...

יונגע מכשפה
דערלאַנגט איר דאָס מעסער
באַהאַלט עס פֿאַרן ליכט...

אַלטע מכשפה
נישט זאָרג, איך ווייס שוין ווי דערמיט זיך צו באַגיין...
אָט האָב איך זי איינגעגאַנצן... קום, ס׳איז צייט...

יונגע מכשפה

די לופט אַרום איז קאַלט געוואָרן...
עס שטעכן מיר די האָר אין קאָפּ:
דאָ מוז ווער קומען...

דונערן און בליצן

אַלטע מכשפה

אַנטלויף!... סאיז לילית מיט די קינדער אירע... זע!...
זי רייסט די לעצטע בלעטלעך פון די בוימער!...

די יונגע מכשפה אָפּ

לילית

מיט אַ גאַנצער כיתה שדים באַווייזן זיך אַלע מיט אַמאָל, ווי פון אונטער דער ערד אַרויס

ר'מוז שטאַרבן!
זיין לעבן מאַכט אַ סוף צו מיין ממשלה!...
די שוואַרצע שאָטנס איילן זיך און שרעקן,
צורינען, ווי אין שטורם־ווינט אַ רויך...
די נאַכט אַליין איז אימה'דיק פאַרבלייכט — —
פאַרשאָלטן ליכט!...
פון בראשית אָן, ווי כ'פיר מיט דיר אַ קריג,
און קריעה האָט דורך דיר די צייט געריכן...
אַ נאַכט, אַ טאָג — אַ ווינטער און אַ זומער...
און אַלץ נאָך ווייניק:
דו שטרעקסט אַ שוידערלעכע האַנט —
דעם אין סוף צו באַצווינגען
די פינסטערניש איז עלטער פונם ליכט.
צו איר, — צו איר אַליין מוז אַלץ געהערן!...

אַלע

טאַנצן הילד אַרום איר

זאָל לעבן פינסטערניש!...
זאל לעבן פינסטערניש!...

לילית

צוברעכט, צושמעטערט אַלץ!
מאַכט חרוב — אויב איר קאָנט נישט גובר זיין!..

שברירי

צוויי זאַכן, מוטער, זענען נייטיק,
די הערשאַפט אין דיין האַנט צו לאָזן:
דער טאָג זאָל אויסגעלאָשן ווערן,
צי גאָר דאָס מענשנאויג זאָל בלינד זיין...
געלינגט אפילו דעם בן־אדם
זיין שווערן נדר צו באַצאָלן,
איז אַלץ דיין הערשאַפט נישט געענדיקט.
כבין גרייט מיט מיינע טויזנט קינדער,
אי קוואַל, אי ברונעם צו באַוואַכן, —
און קומט ער פון זיין דורשט געטריבן,
און זוכט אַ טראָפּן פאַר זיין גומען —
ער וועט מיט ליכט פון אויג באַצאָלן...

אַ שד פון שברירים כיתה

דער קוואַל, מיין פאָטער, ווו ער טרינקט,
איז פול מיט אייזן און מיט שטאָל;
מיר האָבן שעהען דאָרט געווּט,
און ווען ער איז געקומען טרינקען —
פאַריאָגט האָט אונז אַ סודותדיקע קראַפט...

שברירי

ער איז אַלץ גובר!!

עטלעכע שדים

וויי צו אונז!..

לילית

וואָס שטייט קצרות אָן אַ זייט?..
האָט אויך זיין מאַכט קיין שליטה נישט?..

קצרות

זיי מוחל, מוטער, כבין צו שוואך.
בחנם זיך געמיט אים צו פארטומלען:
זיין שלאף באשווערט, געלענגט זיין רצון,
געשפינען פאר זיין אויג חלומות, גרויליקע,
געשליידערט אים פון בערג אין טאלן,
פון הימל צו דער ערד...
ס'האט נישט געהאלפן...
איך האב אין וויסטן מדבר אים פארטראגן,
נחשים און עקרבים אויף אים אנגערייצט,
און חיות-רעות אלערליי — — —
זיין פאטער אויסן קבר אויסגעגראבן,
אין קיטל און תכריכים אים ארומגעשלעפט;
און ווען איך האב זיין אלטע מאמע,
דאס איינציקע צוואס ער איז געבונדן,
געקוילעט, ווי א קאלב פאר זיינע אויגן, —
האט ער דערוואכט, אין פלאטערניש דערוואכט,
א ווארט, צי צוויי, גאנץ שטיל פאר זיך געשעפטשעט, —
און סהאט א קראפט, א סודותדיקע קראפט,
פון בעט מיך אפגעצויגן...

לילית

איז צווישן אלע נישט פאראן קיין איינער,
וואס זאל זיין כח גובר זיין?!
איז וויי צו אייך!.. א סוף צו מיין ממשלה!..

אלע

מיר וועלן קעמפן!

לילית

פארצווייפלט

שד פון בענקעניש, וואס שווייגסטו?

שד פון בענקעניש

איך בין אקייגן אים נישט מעכטיק.
ער פירט א מאדנע לעבן, מוטער!
איז אפגעשיידט פון טאטע-מאמע,
און ווייט פון פריינט, ווי פון א פיינט —
פון פרויען-מין שוין נישט צו ריידן:
פארשלאסן זענען, הארץ און אויגן
צו אלץ וואס לאקט און קאן פארפירן;
צו איינס נאר איז ער שטארק געבונדן —
צו יענעם שרעקלעכן געדאנק..

לילית

ער איז אקייגן אלץ באווארנט?!

אלע

וויי!

אלטע מכשפה

א, מוטער, חשובע! איך בעט דיך,
דערלויב דיין דינסט א ווארט צו זאגן.

שברירי

א מענטשנקינד! זי וועט פארראטן!...

איבעריקע שדים

פארראטן!...

לילית

ווער ביזטו?

אלטע מכשפה

א אונטערטעניקע פון לילית...

פארנייגט זיך

איך האב דעם כח און דאס רעכט,

מיט יעדן שד זיך צו באַדינגען...

ל י ל י ת

נו, רייד.

אַ ל ט ע מ כ ש פ ה

אויב ווילסט דאָס מענטשנקינד באַצווינגען, —
ניט פרעג קיין עצות ביי די שדים,
נאָר ביי דעם מענטשנקינד אַליין...

ל י ל י ת

און וואָסער עצה קאָנסטו געבן?

אַ ל ט ע מ כ ש פ ה

נישטאָ קיין שד — דער מענטש זאָל זיך נישט ווערן.
אַ חוץ נאָר צוויי: דעם „צווייפל" און דעם „טעות"...
דער מענטש איז בלינד, און ווערט אין אַלץ געשטרויכלט —
און האָט איר נישט קיין בוגד צווישן אייך,
וואָס זאָל זיין פירער זיין,
וועט ער פאַרבלאָנדזשען...

ל י ל י ת

אַ בוגד צווישן אונז אַליין!...

אַ ל ט ע מ כ ש פ ה

דער באַרג-גייסט איז אַ פריינט פון דעם געלערנטן,
דער למד-וואָווניק וועט אים בעטן הילף...

ל י ל י ת

העלפן זיך אַליין צושטערן!...

אַ ל ט ע מ כ ש פ ה

ווער ס'ליבט די הייליקייט, —
דעם קאָן די הייליקייט באַפעלן.

ל י ל י ת

אַן עצה גיב, דאָס אויסצומיידן, טאָכטער!

אַ ל ט ע מ כ ש פ ה

דעם באַרג-גייסט נעמט אַוועק, און האַלט אים ווייט —
און זאָל אַן אַנדער שד זיין אָרט פאַרנעמען,
פאַרשטעלן זיך, און נאָכמאַכן זיין שפּראַך...

ל י ל י ת

און חברשאַפט מיט אים פאַרבינדן?

אַ ל ט ע מ כ ש פ ה

אין דער ממשלה פון דער נאַכט פאַרנאַרן...

אַ ל ע

זאָל לעבן אונזער שוועסטער!...

ל י ל י ת

געלינגט דיין פּלאַן, מיין טאָכטער,
באַקומסטו אַ געשאַנק...

אַ ל ט ע מ כ ש פ ה

זאָל לעבן טעות און צווייפל!..

אַ ל ע

זאָל לעבן טעות און צווייפל!

טאַנצן ווילד אַ טאַנץ אַרום דער מכשפה

ל י ל י ת

אָ, שד פון בייזן חלום, בלייב,
דו זאָלסט די ראָל פון באַרג-גייסט שפּילן.
און איר, אָ, קינדער, גייט. דעם באַרג-גייסט פאַנגט,
און פאַרן טראָן פון אַשמדאי אים ברענגט!...

אַלע דערהייטערן זיך, נאָר קצרות בלייבט און באַהאַלט זיך — פון הינטן הערט זיך
אַ מיאַקען פון קעץ

דער קבֿרות־ייִד

אין איין האַנט אַ שטעקן אין דער צווייטער — אַ לאָמטער. זעט אויס פֿאַרשלאָפֿן

אַ פּשיק! כאַפּט זיי דער שוואַרצער יאָר,
זיי לאָזן מיר דאָס קינד נישט שלאָפֿן...

קלאַפּט מיטן שטעקן אין אַלע זייטן

אַ פּשיק! אַ פּשיק! אַ גאַנצע נאַכט אָן רו...
זיי לאָזן מיר דאָס קינד נישט שלאָפֿן
צו אַלדי שוואַרצע יאָר!..

קען שווייגן

שוין קוים אַ מאָל!..

גענעצט — רייבט זיך אויס די אויגן, זעצט זיך אויף אַ מצבה, לאָמטער אויף דער ערד נעבן זיך — כאַפּט אַ דרימל

דוד

אין קיטל און טלית, בלייבט שטיין אין טויער פֿון בית־עולם און קוקט זיך אַרום — באַמערקט דעם קבֿרות־ייִד שלאָפֿן

איך האָב אייך שוין געזאָגט, ר׳ ייִד,
אַז, אויף מצבֿות שלאָפֿט מען נישט!
פֿאַרוואָס געדענקט איר עס נישט, פֿאַר וואָס?

דער קבֿרות־ייִד

כאַפּט זיך אויף און רייבט זיך די אויגן מיט אַ מינע פֿון אַ שולדיקן

זייט מוחל מיר, ר׳ דוד, כ׳בין פֿאַרשלאָפֿן...
נישט אויסגערוט די נאַכט... מען האַלט זיך קוים...
איך ווייס אַפֿילו נישט, וואָס אייך צו זאָגן:
גוט מאָרגן, צי גוט נאָווענט...

דוד

דער אָוונט איז קיין גוטער נישט, —
דער מאָרגן וועט נאָך ערגער זיין...

דער קבֿרות־ייִד

האָט ווידער וואָס אין שטאָט געטראָפֿן?

דוד

דערווייל קרבנות פֿרישע — דריי...

דער קבֿרות־ייִד

כאָטש אַלטע לייט!

דוד

אַ כלה און — — —

דער קבֿרות־ייִד

דערפֿאַר אַ פּנים האָט מיין קינד אַזוי געוויינט...
קיין אויג די נאַכט נישט צוגעטון

קוקט זיך אַרום

נו, דאַרף מען, הייסט עס, פֿרישע קבֿרים?

דוד

דריי פֿרישע קבֿרים...

דער קבֿרות־ייִד

שוין באַלד קיין אָרט נישטאָ...

דוד

וואָס טוען דאָ די קינדער?..

דער קבֿרות־ייִד

די קינדער? וויינען... אָט דאָ ליגן זיי...

ווייזט אויף אַ קבֿר

דוד

נישט געצוימט?!

דער קבֿרות־ייִד

ניין...

דוד

גייט צו און לייגט צו דאָס אויער צום קבֿר

יאָ, וויינען... קלאָגן זיך...

ד ע ר ק ב ר ו ת - י י ד
מען שמועסט היינט אַ חופּה דאָ צו שטעלן...

ד ו ד
גאָדענקענדיק
אַ שוואַרצע חופּה...
אָט צווישן די מצבות

ד ר י י ק ב ר נ י ם
קומען אַריין דורכן טויער, מיט גראָב-אייזנס אויף די אַקסלען

ע ר ש ט ע ר ק ב ר ן
צום קברות-ייד
ווו גראָבן? גוטע ערטער, דאַרף מען!...

צ ו ו י י ט ע ר ק ב ר ן
געהייסן גראָבן געבן אַלטן רב...

ד ר י ט ע ר ק ב ר ן
איילט צו, מען איז זיי דאָרט מטער...

אַ ח ב ר ה - ש מ ש
קומט אַריין טאַרסקאָפּעס
איר גראָבט שוין?...

אַ ל ע ד ר י י ק ב ר נ י ם
נאָך נישט...

ד ע ר ח ב ר ה - ש מ ש
דער רב הייסט גראָבן ביי די קינדער...

ד ע ר ק ב ר ו ת - י י ד
אָט דאָ איז נאָך פאַרטן אַן ערט.

אָט

ד ע ר ח ב ר ה - ש מ ש
נאָר איילט זיך צו, זיי קומען באַלד שוין אָן.
אַ פחיתות-כבוד זיי צולאָזן וואַרטן.
מען דאַרף וואָס גיכער אָפּגעבן זיי זייערס.
קברנים שטעלן זיך גראָבן — שמש אָפּ

ע ר ש ט ע ר ק ב ר ן
די ערד איז דורכגעווייקט פון רעגן, —
עס גראָבט זיך גאָרנישט שלעכט.

צ ו ו י י ט ע ר ק ב ר ן
דאָס גרינגסטע איז צו גראָבן קברים.
נישט אמת, אפשר?

ד ר י ט ע ר ק ב ר ן
פאַר יענעם, נישט פאַר זיך...

צ ו ו י י ט ע ר ק ב ר ן
ווי נאַריש זיך צורעדט...

ע ר ש ט ע ר ק ב ר ן
שוין לאַנג אַזאַ חולאת נישט געווען...

ד ר י ט ע ר ק ב ר ן
מען פאַלט ווי פליגן...

ע ר ש ט ע ר ק ב ר ן
און מומחים זאָגן, אַז ס'איז אונזער שולד:
מען לעבט נישט, ווי מען דאַרף —

צ ו ו י י ט ע ר ק ב ר ן
ווי נאַריש זיך צורעדט...
דאָס היינטיק יאָר פאַרענדיקט זיך מיט „ח",
און „ח", פאַרשטייסטו מאַכט חולאת:
דערפאַר איז אַ חולאת אויף דער וועלט...

ערשטער קברן
מען זאָגט, אַז די מכשפה אַרבעט מעשים...
זי האָט צוטון אַ סך מיט די נישט-גוטע...

אַ קול פון ווייט
זינגט
ס'בליצט און דונערט... ס'רוישט דער דרויסן...
ווינטן שטורמען... — שווייגט, אַ ווינטן!
שווייגט, די יונגפרוי טרוימט:
אויף די קני שטייט איר באַשערטער,
מיט אַ תפילה אויף די ליפן,
מילד זיין פנים צו איר קערט ער, —
און די יונגפרוי ליבט...
קושט אַ ליבעס-שטראַל דאָסביימל —
ווערן בלימעלעך געבוירן,
און די יונגפרוי האָפט...
ווערן הימלען גרוי פאַרוואָלקנט —
וועלקן שטערן, פאַלן געטער,
און די יונגפרוי וויינט...

ערשטער קברן
דערשראָקן
ווער רעדט עס דאָרט?...

צווייטער קברן
ס'איז דער משוגענער; ער קומט אַ יעדע נאַכט.
דאָ ליגן בלומען אויף זיין כלהס קבר —
געשטאָרבן ערשט נישט לאַנג...

דריטער קברן
וואָס איז ער פאַר אַ איינער?...

צווייטער קברן
פרעג גרינגערס מיך. מען רופט אים דער משורר...

מען זאָגט, ער האָט אין פעטערבורג געלערנט...

ערשטער קברן
מוז זיין אַ שטערנזעער...

צווייטער קברן
ער ווייס, וואָס סטוט זיך אויפן הימל און אויף דרערד...
ער קוקט אַריין דיר אין די אויגן —
און זאָגט דיר, וואָס מיט דיר וועט זיין...

דריטער קברן
דאָס הייסט, ער איז אַ קאָרטנלייגער?...
געמוזט דאָס לערנען ביי ציגיינער...

אַ קויל פון ווייט
מיט באַגייסטערונג
מיט שוידער פייפט דער ווינט דורך פעלד און וואַלד,
און בלעטער גוססן און פאַלן.. פאַלן...
קיין בלום נישט צוגעפינען... נישט אויף הימל...
און נישט אויף דרערד...

ערשטער קברן
פאַרשטייט איר, וואָס ער זאָגט?

צווייטער קברן
דו הערסט דאָך:
ער רעדט פון הימל און פון דרערד...
גראָבן ווייטער

אַ קול פון ווייט
אַז וויל איז דעם, וואָס קאָן דעם רוקן בויגן,
און בלייבן תמיד גלייך!
דער בוים שטייט קייגן, ווערט ער אויסגעריסן,
און מענטשן מאַכן זיך מיט אים אַ פייער,

אוּן וואַרמען זיִך, ווען ס'איז זיי קאַלט...

ע ר ש ט ע ר ק ב ר ן

מיין קבר איִז שוין אויסגעגראָבן.

צ ווײ ט ע ר ק ב ר ן

מיינער אויך.

ד ר י ט ע ר ק ב ר ן

איִר האָט געענדיִקט פריער.
אויך מיינער וועט באַלד פאַרטיִק זיין.

אַ ק ו ל פ ו ן ו ו ײ ט

האָט אַמאָל געטאָר

עס פאַלן שטערן דורך דער פיִנצטערער נאַכט..
וואולקאַנען ברעכן אויס...
איִן דער תּהום דערציִטערט...
טרינקט אויס דער טיִגער נאָך אַ ביִסל בלוט. —
שלאָפט איין דער מענש, אַ מידער,
געוויִגט פון פויגל-ליִדער —
פון בשמים=ריחות שיכור...

ע ר ש ט ע ר ק ב ר ן

אָט איִז ער, דער משוגענער.
ער קומט אַהער.

ד ר י ט ע ר ק ב ר ן

ער טוט קיין ביין ניִשט?

צ ווײ ט ע ר ק ב ר ן

ער האַלט זיִך רויִק...

ד ע ר מ ש ו ג ע נ ע ר

אַ יונגערמאַן מיט לאַנגע שווארצע האָר, אָנגעריִבענע פּאַלעריִנע, הייכער, שוואַרצער הוט מיִט אַ בריִטן ראַנד — האַלט איִן איין האַנט פּאַפּיִרן, איִן דער צווייטער — אַ פּאַק

דאַרע פאַפּיִרענע בלעטער — היִנטערן אויער — אַ בליישטיפט — באַמערקט די קברנים

ווי קומען ניִמפן אויף אַ היִמל?
איִז ענג זיי וואַלד, און באַרג, און טייך?

ד ר י ט ע ר ק ב ר ן

וואָס זאָגט ער?

צ ווײ ט ע ר ק ב ר ן

ער רעט אַלץ תּמיד וועגן היִמל...

ד ע ר מ ש ו ג ע נ ע ר

קלאַפּט אויף אַ מצבה

הע, זאָגט נאָר!...
צי קאָן מען דאָ ניִשט קריִגן, וואָס צו עסן?

ע ר ש ט ע ר ק ב ר ן

לאַכט

דאָ איִז ניִשט קיין אַכסניה:
דאָ עסט מען ניִשט...

ד ע ר מ ש ו ג ע נ ע ר

אַ ליִגן!..
דאָ עסט מען מער ווי אומעטום...

ד ר י ט ע ר ק ב ר ן

ער מיינט די ווערים —כאַ=כאַ=כאַ!
ראיז ניִשט אַזוי משוגע, ווי מען מיינט.

ד ע ר מ ש ו ג ע נ ע ר

צום ערשטן קבּרן

איִן אָנהויב זענען מענטשן ווערים,
און שפּעטער ווערן ווערים — מענטשן...
פאַרוואָס, זאָג זיִנדיִקט דען דער מענטש?

ערשטער קברן
איך ווייס? מסתמא ווייל ער וויל.

דער משוגענער
אַ ליגן... זאָג דעם אמת!...

ערשטער קברן
איך ווייס ניִשט...

דער משוגענער
ווייל ער איז הונגעריק...

אַלע דריי קברנים
לאַכן
כאַ–כאַ–כאַ!..

דער משוגענער
פֿאַרוואָס, זאָג, איז ער הונגעריק?

ערשטער קברן
איך ווייס? מסתמא ווייל אים ווילט זיך עסן...

דער משוגענער
אַ ליגן!... ווייל מען וויל, אַז ער זאָל עסן...

ערשטער קברן
ווער וויל?..

דער משוגענער
דער טיגער...

די אַנדערע צוויי קברנים
ווער? ווער?..

דער משוגענער
דער טיגער...

אלע דריי קברנים
לאַכן
כאַ–כאַ–כאַ!

ערשטער קברן
צוואָס דען וויל דער טיגער מען זאָל עסן?

דער משוגענער
ווייל עסן, דאָס איז לעבן:
ווען איינס דאָס צווייטע זאָל ניִשט עסן,
איז אויס וועלט — —

אַלע דריי קברנים
לאַכן
כאַ–כאַ–כאַ!

ערשטער קברן
וואָס טויגן דיר די דאַרע בלעטער?

דער משוגענער
זיי האָבן עסן ניִשט געוואָלט,
סאָ, זע, ווי בלייך זיי זענען...
וואָס גיט איר, כזאָל אַ מעשה אייך דערציילן?

ערשטער קברן
וואָס זאָלן מיר דיר געבן?

דער משוגענער
עסן...

ערשטער קברן
קיין עסן האָבן מיר ניִשט דאָ.

דער משוגענער
וועל איך אַזוי דערציילן.

ערשטער קברן

וואָס ווילסטו דען דערציילן?

דער משוגענער

אַ מעשה מיט אַ טיגער...

אַלע דריי קברנים

לאַכן

דערצייל... דערצייל...

דער משוגענער

מיט אַ ניגון

געווען אַמאָל אַ טיגער,
מיט גרויסע פייערדיקע אויגן,
מיט לאַנגע שאַרפע ציין;
האָט ליב געהאַט דער טיגער,
אין בלוט זיך באָדן... בלוט צו טרינקן...
נאָר בלוט געמישט מיט טרערן...
און האָט ער ווו אַ זיפץ, אַ קרעכץ דערהערט, —
צופלאַקערט האָט אַ שמייכל זיינע אויגן...
און טאַנצן פלעגט ער נעמען... טאַנצן, טאַנצן...
צו גרויס דעם טיגערס דורשט געווען...
צו טרינקן נישט גענוג געהאַט... —
איז ער אַ בורא עולמות געוואָרן...
געבויט — צושטערט... געבויט — צושטערט...
אַ נחת די צושטערונג אים געווען!..
כאַ—כאַ—כאַ—כאַ!..

אַ קול

פון יענער זייט טויער אויסן בית-הקברות

צדקה תציל ממות!... צדקה תציל ממות!...

קולות פון קינדער

כאָר

צדק לפניו יהלך...

די קולות קומען אַלץ נענטער

ערשטער קברן

מבֿרענגט זיי...

צווייטער קברן

איז אַלץ שוין גרייט?

דער משוגענער

יאָ, אַלץ שוין גרייט!..
דער טיגער האָט דאָס מויל פון דרערד געעפנט;
זי וועט אונז באַלד פאַרשלונגען...
די ליבע מאַמע... כאַ—כאַ—כאַ!..

ערשטער קברן

וואָס טענהט דער משוגענער?... פאַריאָג אים!...

דער משוגענער

פון דאַנען יאָגט מען קיינעם נישט...
מיוחסים אַלע גלייכע...

צווייטער קברן

מאַך פיס! גיי, גיי געזונטערהייט.

דער משוגענער

דו דאַרפסט נישט טרייבן. כוועל אַליין אַוועקגיין.
איך מוז נאָך אויף איר קבר בלומען לייגן...

לאָזט זיך גיין מיט אַ ניגון

עס דונערט און עס בליצט,
די פייגעלעך אַנטלויפן, —
די יונגפרוי טרוימט...
דער געליבטער ליגט פאַר אירע פיס,
און זינגט איר שירה —

קינדערלעך ווערן געבוירן,
קינדערלעך ווערן פֿארלוירן,
און די וועלט וויינט...
כאַ—כאַ—כאַ—כאַ!...

שטעלט זיך אָפּ פאַר אַ קבר, קוקט אַ היילע פֿארחוּנדערט, חענדט זיך צו די גרעבער

העי! זאָגט נאָר, גראָבט די קברים טיפֿער:
די טויטע קריכן דאָ אַרויס...
אָט איז שוין איינער באַלד אינדרויסן —
געווען זעט אויס אין דער מלחמה..
אַ האַנט פֿארלוירן... כאַ—כאַ—כאַ!

אָפּ

ערשטער קברן
וואָס רעדט ער, דער משוגענער?

צווייטער קברן
ער זאָגט: דער טויטער קריכט אַרויס פֿון קבר.

דריטער קברן
קומט, זען!

אַלע דריי קברנים
לויפֿן איילנדיק צו

ערשטער קברן
ער איז גערעכט; דאָס קבר איז צוגראָבן!...

דריטער קברן
דער טויטער זיצט — אַ האַנט אים אָפּגעשניטן..

צווייטער קברן
אודאי דער מכשפֿהס זין, בעט..

ערשטער קברן
די אויגן זענען אָפֿן...

צווייטער קברן
מען דאַרף מודיע זיין דעם רב..

ערשטער קברן
און טאַקי באַלד... קומט אַלע!...

אַלע דריי קברנים
צום רב!.. צום רב!...

אָפּ

דוד
באַוועגט זיך צווישן די קברים

קרבנות נאָך קרבנות פֿאַלן,
און איך האָב גאָרנישט אויפֿגעטון...
די סטרא־אחרא איז צום קאַמף געגרייט;
זי ווייס נישט פֿון אחריות,
און דאַרף פֿאַר קיין חרטה זיך נישט שרעקן..
צי מיט, צי אָן אַ תּכלית,
בשוגג צי במזיד,
איז יעדער קרבן אירער אַ נצחון...
דער מענטש איז אַ בעל־מום, געצוימט זיין רצון:
ווייל יער און ספֿקות מאַכן שווער זיין האַנט...
די מורא שערט די פֿליגל זיינע אונטער,
לעגט וואָגן בלייערנע אויף זיין מחשבה...

שטעלט זיך אָפּ פאַר די פֿרישע קברים

דריי פֿרישע קברים... און ווער ווייס וויפֿל נאָך?...
צי קאָן עס אָבער אַנדערש זיין?
דער חייב און דער זכאי — ביידע זענען בלינד;
זיי זוכן זייער צלם אלקים,
און טובלען, לשם תּיקון, זיך אין מענשנבלוט...
בדמיך חיי!... בדמיך חיי!...

האָנער קרייען

דער צווייטער משמור... שעת־הכּושר...

צייט דעם באַרג-גייסט צו באַצווינגען...

רעדט האָס שטילערהייט — באַלד הערט זיך אויפֿן קול הויך

אָ באַרג-גייסט! חשכות, האָט דעם הימל דיר געראַבט,
דאָך לעבט אין דיין מהות אַ פֿונק קדושה. —
משביע בין איך דיך ביי אַלע שמות,
אין דיין געשטאַלט זיך צו באַווייזן!...

א קול

פֿון צווישן די קברים

דו ביזט מיין האַר נישט, איך — דיין קנעכט נישט...

דוד

ביי וועמען היילקייט איז טייער,
דעם קאָן די היילקייט באַפֿעלן!...

דאָס קול

צווישן די קברים

מיין נאָפּל איז געבונדן צו דער ערד,
און רייס איך אָפּ מיך, קאָן איך שטאַרבן...

דוד

און רייסטו זיך נישט אָפּ פֿון צייט צו צייט,
צו חייזן זיך פֿאַר אשמדאי און לילית?..

דאָס קול

צווישן די קברים

אַ שבועה זיכערט מיך פֿון בייז...

דוד

מיט מיר וועט אויך קיין בייז דיר נישט געשען:
איך זוך דיין פֿריינטשאַפֿט —

דאָס קול

צווישן די קברים

ביי היילקייט, מיר שווער!..

דוד

איך שווער דיר!

עס פֿלאַקערט אויף אַ פֿלאַם

קצרות

אין געשטאַלט פֿון באַרג-גייסט באַווייזט זיך אין מיטן פֿלאַם

בן-אדם, וואָס פֿאַרלאַנגסטו?

דוד

דיין פֿריינטשאַפֿט.

קצרות

אַ שווערע זאַך אויף זיך גענומען!...

דוד

איך וויל, דו זאָלסט מיר העלפֿן...

קצרות

דעם גאַנצן גיהנום קייגן מיר?..

דוד

די היילקייט מיט דיר...

קצרות

פֿון וואַנען ווייסטו?

דוד

די שכינה — — —

קצרות

די שכינה!.. אָ, די שכינה!..
דאָס וואָרט מאַכט ציטערן...

דוד

דער גאַנצער גיהנום ציטערט פֿאַרן וואָרט...

קצרות

אַ מורא־דיקע שבועה בינדט מיך — — —

דוד

איך קאָן דיך צווינגען...

קצרות

אַ טעות... נישט גענוג דיין מאַכט דערצו...
איך קאָן פאַר דיר נאָר טון דאָס איינע:
דיך פירן און דיך הייסן...

דוד

ווו איז די מוטער פון דער נאַכט?

קצרות

צווישן מענטשן...

דוד

נישט אין גיהנום?

קצרות

אין גיהנום נאָר פון צייט צו צייט...

דוד

איך וויל זי זען...

קצרות

קיין מענטש־נאָוויג דערקאָנט נישט איר געשטאַלט.

דוד

זי צו דערקאָנען, ווייס איך...
איך וויל דו זאָלסט צו איר מיך פירן...

קצרות

כ׳בין גרייט, אַפילו שוין.

דוד

געפינט זי זיך אַצינד אין גיהנום?

קצרות

עס איז צו פרי, נאָר ביז דו קומסט אַהין, —
וועט זי שוין דאָרטן זיין.

דוד

מיר גייען...

קצרות

זאָל זיין, ווי דו פאַרלאַנגסט.

סאָ

פאָרהאַנג

דריטער טייל.

אַ דורכגאַנג צווישן צוויי פעלזן. רעכטס, אין ערשטן באַרג — אַן עפענונג, וואָס פירט אין אַ טונעל אַריין; לינקס אינם צווייטן באַרג — אַן ענלעכע עפענונג. אינם הינטער-גרונט, גענוג הויך, און אויף אַ געוויסער הויכקייט — אַ מויער פון רויע פעלזן. אין מיטן — אַ שמאָלער טויער, באַדעקט ערטערווייז מיט גרין מאָך, און מיט אַנדערע פאַראַזי-טישע פלאַנצן. פון יענער זייט טויער, און ווי אין אַ וואָלקן איינגעהילט, לאָזן זיך זען שפּיצן פון ביימער. — נאַכט. די לבנה באַשיינט טרויעריק די גאַנצע אומגעגנט.

אשמדאי, שטן, שברירי און דער שד פון בענקעניש קומען אַריין פון טונעל רעכטס

א ש מ ד א י

אומרויִק

אויף אייגענער אחריות,
האָט דער בן-אדם אונז קריג דערקלערט.
שוין ניִשט יהוה קעמפט מיִט אונז אַצונד,
נאָר בלויז דאָס ווערק פון זיינע הענט...
דיִ חוצפהדיִקע בריאה
וויִל גובר זיין דעם גיהנום,
און מיִט זיין גאווהדיִקן זיִג —
דערהויבן זיך צום היִמל-ליִכט...
דאָס שפּיִל קאָן זיין געפערלעך,
פאַר מיין ממשלה נישט געווינטשן...
אַן עצה גיט — ווי פון זיין מוראדיקן פּלאַן
איִם אָפּצוקערן!..

ש ב ר י ר י

זיין בלוט זאָל ריִנען גאַנצע טייכן!..

ש ד פ ו ן ב ע נ ק ע נ י ש

טויט!.. טויט!.. טויט!..

ש ט ן

זיי מוחל, האַר, דיִ עצות זענען שלעכטע.
צושטערן איִז אַ לייכטע זאַך;
צו בויען אָבער, זיינען מיִר ניִשט פעיִק...
און איִז דער מענטש פאַרלענדט ביִז גאָר,
איִז דיין ממשלה, זיי מיר מוחל,
אַ זייפנבלאָז ניִשט ווערט:
קיין גוטס, קיין שלעכטס, קיין טייוול און קיין גאָט!..

א ש מ ד א י

איִם אונטערטעניִק זיין?!..

ש ב ר י ר י

דעם ניִשטיִקן בן-אדם?!..

ש ד פ ו ן ב ע נ ק ע נ י ש

אָ, הערשער, זיינע רייד דערשרעקן!..

ש ט ן

ניִשט אונטערטעניִק זיין — נאָר, שוינען:
דער שפּיִגל, איִז ער פון יהוהס גרויסקייט, —
און אָט דעם שפּיִגל וויִל איִך פאַר דיר רויבן,
און איִם פאַרהאַלטן תּמיד גאַנץ...
דאָס מענטשנקיִנד, וואָס זיִנגט יהוהס לויב,
זאָל קריִכן, ווי איִן שטויב אַ וואָרם,
דיִך רימען און דיִך לויבן,
באַטראַכטן דיִך פאַר הערשער פון דער וועלט.

ש ב ר י ר י און דער ש ד פ ו ן ב ע נ ק ע נ י ש

באַנאַנד

טויט!.. טויט!.. טויט!..

ש ט ן

אִיר וועקט ביי אים די שלאַנג פון רחמים:
איִר מאַכט קדושים! —
און באַנט אַליין אַ וועג אים צום גן-עדן..

א ש מ ד א י

ווי זאָל מען דאָס פאַרמיידן? רייד, מיין קנעכט!

ש ט ן

זאָל איינער פילן זיך באַעולהט,
דער צווייטער — אומשולדיק באַשולדיקט;
זאָל איינער ברענען נאָך נקמה,
פאַר חשד – דער צווייטער — נעכט ניט שלאָפן;
ביי איינעם נעם – דעם צווייטן געב,
דערלאָז קיין אחדות ניט, קיין גלייכקייט:
נאָר ווילדע קנאה, פאַלשע האָפנונג,
און בייזן חשד און בייזע ספקות,
איז דיין ממשלה גוט געזיכערט —
ניטאָ, אָ, האַר, פאַרוואָס צו שרעקן...

א ש מ ד א י

און האָסטו מיטן למד-וואוניק וואָס געפּרווט?

ש ט ן

מיט אים וואָס אויפצוטון איז גאָרנישט גרינג.
אַ גוס, אַ שווערע צוצוקנאַקן!..
אַ מאָדנע בריאה, כלעבן — בלויז געפיל,
און תאוות — מוראדיקע גרויסע!..
שלעפּ דורך די זון אים דורך אַ נאָדל-לאָך...
וואָלט האַנדלען זיך אין פוסטע קינדער שפילן,
ווי ווייבער, געלט, למשל, מענטשנהערשאַפט,
וואָלט איך מיר שוין מיט אים אַן עצה געבן:
פאַרלאַנגט ער אָבער גאָר אַ קלייניקייט, —

ניט מער, ניט ווייניקער, ווי אונזער טויט...

ש ב ר י ר י

דערשראָקן

ווי אונזער טויט!..

ייד פון בענקעניש

און רוועט זיין ציל דערגרייכן,
אויב מיר צושטערן ניט דאָס מענטשן מין!..

ש ב ר י ר י

געשווירן: פאַנגען לילית אַליין...

ש ט ן

ער מעג נאָך גרעסערס וועלן —
איר וועט מיט גוואַלט אַ האָר אויף אים ניט ווירקן.
מיט גוטן וועט איר לייכטער גובר זיין.
צו כבוד וועקט זיין ליבע, חנפעט זיין קאַפּריז;
חסרונות שילדערט אים פאַר גרויסע מעלות:
מיט גוטן, נאָר מיט גוטן אים דעם קאָפּ פאַרדרייט.

א ש מ ד א י

דער שטן איז גערעכט:
דער מענטש מוז שלעכטס טון מיט אַ פרייען רצון...

אַ ש ד

קומט צולויפן פון לינקס, זעט אויס דערשראָקן. ווארפט זיך אשמדאן פאַר די פיס און רעדט מיט ציטערניש

אָ, האַר!.. אָ, האַר... דיין טראָן איז אין סכנה!..
דער מעכטיקער בן-אדם האָט דיין הויז פאַרשוועכט.
ווי פלגן פאַלן דיינע קנעכט פאַר זיינע פיס:
געפאַנגען קצרות... משחית — אין זיין האַנט...
און איצט איז לילית... אויך די לילית! — — —

אשמדאי

מיט שרעק

אין זיין רשות?!..

דער שד

יאָ, האַר... זי איז געפאַנגען...

אשמדאי

אויסער זיך

געפאַנגען לילית!..
אַ גייסטער... איילט... די צייט איז טייער!..
און וויי צו דיר, דו נישטיק מענטשנקינד,
אויב אשמדאי אַליין איז איר באַפרייער!..

שטן

אָ, האַר, דו מעכטיקער! ער איז נישט ווערט,
אַז דו אַליין זאָלסט מיט אים קעמפן.
געב איבער אים אַצינד אויף מיינע הענט, —
און איך וועל פרווון זיך מיט אים אַ שפיל טון.
געשטערט מיר האָט ביז איצט זיין מאָדנע לעבן,
אַן ערנסט שאַך-שפיל מיט אים אָנצוהייבן. —
אַצונד איז ער אַ העלד, אַ בעל-נצחון;
די גאוה טאָגט פאַרבאָרגן אין זיין האַרץ:
זיין כח-הדמיון האָט באַקומען פליגל,
און טראָגט אים מעלה, מעלה, וואָלקנ-גלייך. —
די בעסטע צייט, אָ, האַר! אים צו פאַרטומלען:
און וואָס דער טראָן שטייט העכער — גרינגער וועט מיר זיין
דעם שטאָלצן העלד פון אים אַראָפצוּוואַרפן — —
כאַ—כאַ—כאַ—כאַ!..

אשמדאי

זאָל זיין... —
איך געב אים איבער איצט אויף דיין באַראָט.

נאָר איילט!.. די צייט איז קורץ!..

שטן

דו קאָנסט זיך דרייסט אויף מיר פאַרלאָזן, האַר.
ווייל אויב דער מענטש איז פעיק ווען צו זיגן —
פאַרמאָגט ער אָבער זעלטן מוט גענוג,
פון זיין נצחון צו געניסן...

אשמדאי

איך וואַרט מיט אומגעדולד אויף איר באַפרייונג..

אַפ פאַרויס ליִנקס — אַלע נאָך אים

אגרת, נעמה און מחלת קומען אַרויס פון אונטערן פעלז — רעכטס

אגרת

די מוטער פון דער נאַכט געפאַנגען!..
און משחית אויך!.. און קצרות אויך!..
אַ פלוך אויף דיר, אָ מענטשנקינד!..

אַלע

פלוך! פלוך! פלוך!..

נעמה

די גייסטער פאַלן טויזנטער פאַר זיינע פיס, —
זיין קראַפט איז נישט באַצווינגבאַר...

מחלת

דער פעלדשטיין האָט פאַרראַטן!..

אגרת

מיר מוזן זי באַפרייען! אַ לעצטן פרווו...

חייזט אויף דער באַרג-עפנונג ליִנקס

דורך יענער עפנונג מוז ער דורכגיין —
פרעסט אויף אים לעבעדיקערהייט!..

נ ע מ ה

א רעגן פֿייער!..

מ ח ל ת

מיט בלינדקייט שלאָגט אים!..

א כאָר פֿון ש ד י ם

אומזיכטבאר

דער אשמדאי איז מעכטיק גרויס,
דער פֿיינט פֿון ליכט און שיין;
ער פֿלאַנצט דעם וויי אין יעדן שויס —
די פֿינצטערניש איז זיין...
עס שטאַרבט די האָפֿנונג פֿאַר זיין בליק,
דער יאוש איז זיין קינד;
דער מענש פֿאַרלירט פֿון האַרץ דאָס גליק,
און טרינקט זיך אין זיין זינד.

אַ ל ע ד ר יי ש ד ו ת

נעמען זיך פֿאַר די הענט און טאַנצן

ד ע ר כ אָ ר פֿון ש ד י ם

אומזיכטבאר

אומזיסט דאָס ליכט, אומזיסט דער שיין,
וואָס דו פֿאַרשפּרייטסט, אָ, הייליקייט!
דער אשמדאי מוז זיגער זיין,
און קעניג פֿון דער אייביקייט!.

אַ ל ע ד ר יי ש ד ו ת

לאָזן זיך פֿונאַנדער, און פֿאַרשווינדן יעדע אין אַן אַנדער ריכטונג...

דער כאָר בלייבט שווייגן — עס זערהערן זיך שווערע טריט פֿון אַ גרויסער מענגע פֿוס-גייער

אַ מ ע כ ט י ק ק ו ל פֿון ר ע כ ט ס

הינטער דער בינע

גייט!.. — גייט!!.. —

פֿון רעכטס אויף לינקס, לענג אויס דער מויער, באַווייזן זיך אַ שורה פֿוס-גייער, איינער הינטער׳ן אַנדערן, פֿון קאָפּ ביז פֿיס געהילט אין לאַנגע ווייסע קיטלען, האָבן באַהאַלטן אַלע קערפּער-טיילן און לאָזן זען בלויז מאָגערע בלייכע פּנימער, אויסגעלאָשן פֿון ליידן — זיי גייען שווער, די קעפּ פֿאַרויס געבויגן — פֿון צייט צו צייט טרעט איינער אַרויס פֿון דער שורה און בלייבט הינטערשטעליק— דערהערט ער אָבער דאָס קול פֿון הינטער דער בינע, איילט ער זיך אונטער און לויפֿט נאָך מיט שרעק זיינע חברים

אַיי נ ע ר פֿון ד ע ר ש ו ר ה

הינטערשטעליק — מיט ביטערניש

פֿאַרשאָלטן איז דער טאָג פֿון מיין געבוירן!..

א צ וו יי ט ע ר

די אויגן בלינד געוועזן —
ביים לעבן קיין קדושה נישט געקענט!...

ד אָ ס מ ע כ ט י ק ע ק ו ל פֿון ר ע כ ט ס

גייט!.. —

ד ע ר כ אָ ר פֿון ש ד י ם

אומזיכטבאר

האָט מוט איר קינדער פֿון דער נאַכט,
און פֿלעכט אַ מתים-קראַנץ;
אָ, זינגט פֿון אשמדאי די מאַכט,
און טאַנצט אַ ווילדן טאַנץ!..

אַיי נ ע ר פֿון ד ע ר ש ו ר ה

זי האָט גענאַרט!.. וויי, וויי, וויי!..

א צ וו יי יי ט ע ר

איר האָט דאָך מיך אַליין פֿאַרפֿירט,
וואָס פּלאָגט איר מיך אַצינד?!..

דאָס מעכטיקע קול פון רעכטס

גייט!.. —

דער כאָר פון שדים

אומזיכטבאַר

אָ טוט, וואָס אשמדאין געפעלט,
צושטערט דעם לעבענסגלאַנץ!
מאַכט חרוב אויב מען דאַרף אַ וועלט —
און טאַנץ אַ ווילדן טאַנץ!

איינער פון דער שורה

דער וועג איז שווער און שטיינערדיק...
קיין פירער נישט געווען...

אַ צווייטער

פאַרשאָלטן איז געווען די טראַכט,
וואָס האָט מיך אויף דער וועלט געבראַכט!..

דאָס מעכטיקע קול פון רעכטס

גייט!.. —

דער כאָר פון שדים

אומזיכטבאַר

צוררייסט אויף טויזנט שטיק די וועלט, —
פאַרפירט דאָס מענטשנקינד!
און אויב יהוה בענטשט — דאַן שעלט, —
דאָס מענטשן-אויג מאַכט בלינד!..

איינער פון דער שורה

באַשאַפן בלינד... —
די שלאַנג אונז פאַר אַ פריינט געגעבן!..

אַ צווייטער

גאָט איז גערעכט! זיין משפט איז גערעכט!..

דער גורל

באַווייזט זיך דער לעצטער. אַ גרויז-גרויער זקן — אַ ריזנגעשטאַלט. — די אויגן מיט אַ שוואַרצן באַנד פאַרבונדן. איז אָנגעטאָן אין אַ לויזן שוואַרץ-און ווייס-פאַסיקן מאַנטל מיט אַ לאַנגן שלעפּ, וואָס שיינט אַלץ הינטער אים צוצודעקן. האַלט אין דער רעכטער האַנט אַ לאַנגן, שוואַרצן סקעפּטער, אויסגעצויגן באַפעלעריש איבער דער שורה וואַנ-דערער. — רופט מיט אַ מעכטיק קול

גייט!.. גייט!..

אַ נאָך אַלע

די שכינה

באַווייזט זיך אַ ווייסע שפּעטער

אָ פאָטער הימלישער, פאַרבאָרג נישט דיין געזיכט!..

אַ בת-קול

גיי, מיין טאָכטער! גיי!..

די שכינה

מיט טרערן אין קול

אָ, ווי זיי ליידן, מיינע קינדער!..

דאָס בת-קול

איך לייד מיט זיי צוגלייך!..

די שכינה

אַ וויינענדיק

בת-קולות

פון דער הויך

וויי, די שכינה איז אין גלות!..
וויי, די שכינה איז אין גלות!..

עס באַווייזן זיך אַ גאַנצע מחנה שדים, פון יענער זייט האַנט אַריבערגעקומענע

אגרת

ייט איר צום קאַמף געגרייט?..

אַלע שדים

גרייט!.. גרייט!..

דוד אײַנגעטאָן אין קיטל און אין טלית, לילית און דער פעלדשטיין קומען אַרויס פון דער עפענונג — לינקס

אגרת

ער קומט! ער קומט! זייט גרייט צום קאַמף!..
די מוטער פון דער נאַכט באַפרייט!
אַ פלוך אויף דעם בן-אדם!..

אַלע

פלוך!.. פלוך!.. פלוך!..

הערן זיך אויף דודן און הילן אים אַרויסרײַסן ליליתן — עס קומט פאָר אַ געראַנגל

דוד

קעמפט מיט אַ פאַרחיקעלטן פאַרמעט אין האַנט

אומזיסט דער קאַמף! — זי איז איצט מיין!..
איר וועט זי לעבעדיק נישט נעמען...

צום פעלדשטיין

האַלט פעסט דיך נעבן מיר! דיין שבועה נישט פאַרגעס!..

דער פעלדשטיין

כאַפּט אָן ליליתן און האַלט זי פעסט

אַלע שדים

אָהאָ! דער בוגד! דער פאַררעטער!
זיין לייב אויף טויזנט שטיק צורייסט!..

הילן אַנכאַפּן דעם פעלדשטיין — דוד שיצט אים

דוד

האַלט פעסט זיך אָן מיין קלייד, אָ, פעלדשטיין!
עס וועט קיין בייז דיר נישט געשען..

מאַכט אַן עגול אַרום זיך, ליליתן און דעם פעלדשטיין

אָט דאָ אין עגול רויק בלייב;

אים וועט קיין טייוול נישט אַריבער.

אַלע שדים

ביייבן דערשראָקן

אגרת

צורייסט דעם עגול!.: צורייסט דעם עגול!..

אַלע שדים

בעמען זיך פאַר די הענט און טאַנצן אין אַ ראָד אַרום דודן — מיט געזאַנג

צורייסט אויף טויזנט שטיק די וועלט,
פאַרפירט דאָס מענטשנקינד!
און אויב יהוה בענטשט — דאַן שעלט —
דאָס מענטשנאויג מאַכט בלינד!..

דער פעלדשטיין

צו דודן

די לופט ווערט קאַלט און שטינקנדיק!..
מיר וועלן שטאַרבן! .

דוד

צעחיקלט דעם פאַרמעט און שרייט מיט אַ פעסט קול

ויאמר אלהים: יהי אור!

עס לאָזט זיך הערן אַ דונער. עס טוט אַ געוואַלטיקער בליץ

אגרת

אַנטלויפט חי צומישט

מיין פלוך אויף דיר, בן-אדם!..

אַלע שדים

פלוך!... פלוך!.. פלוך!!

פאַרשווינדן

דוד

הייבט רעם שחיים פון טערן

געפּטרס! — —

שפּאַרט זיך אָן אַן פֿעלז

דער פֿעלדשטיין, לילית בלײַבן אין ענגל

דוד

צום פֿעלדשטיין

זאָג, הערט מען דאָ די הענער קרייען?
די בעסטע צייט אַוועקצוגיין....

דער פֿעלדשטיין

קאָנסט רויִק זיין. כוועל אַלץ דיר זאָגן...

שטן

באַווייזט זיך

דוד

אָט קומט אַ נייער גאַסט..

צום שטן

וואָס זוכסטו דאָ, פֿאַרפֿירערישער גייסט?..

שטן

קיין שלעכטס געוויס ניט... —
איך בין נשתומם פֿון דיין גבורה,
און קום דיר מזל-טוב צו ווינטשן:
האָסט דיך דערהויבן צו דעם העכסטן גליק,
צו וואָס עס קאָן דערגרייכן בלוט און פֿלייש, ווי דו

דוד

אַ טריט נאָר בלויז צו יענעם גרויסן גליק,
צום טרוים, דעם הייליקן ..

שטן

ווען דאָס אַליין וואָלט זיין דיין העכסטער ציל,
פֿאַרדינסטו אויך ניט ווייניק ליב דערפֿאַר.
אומשטערבלעכקייט האָסטו דערוואָרבן, —

וועסט דינען פֿאַר אַ ציִרונג און אַ ביישפּיל;
מען וועט דיר דאַנקבאַר זיין... דיר שירה זינגען...

דוד

ניט איך פֿאַרדין דעם דאַנק... ניט מיר קומט שירה...
אַ האַנט אַ געטלעכע, האָט מיך געפֿירט,
די גאַנצע צייט פֿון קריג —
צו איר געהער דער זיג!
צו איר די שירה!..

שטן

שוין דאָס, וואָס אָט די האַנט האָט גראָד דיך אויסדערוויילט.
די שכינה פֿון די קייטן צו באַפֿרייען,
איז שוין די בעסטע ראיה,
אַז דו ביזט דאָס שענסטע ווערק פֿון יענער גרויסער האַנט,
וואָס האָט די וועלט געפֿאָרמט — —
שוין יובלען, ווי די שכינה שלעפּט די קייטן,
האָט עמיץ נאָך ביז דיר געפּרוווט דערלייזן זי?..
פֿאַרדינסט, פֿאַרדינסט, אָן ווידערשפּרוך די ליב,
און די פֿאַרגעטערונג פֿון אַלע מענטשן!..
איך האַלט מיט פֿרייד פֿאַר דיר דעם קאָפּ געבויגן..

דוד

פֿאַר מיר דעם קאָפּ געבויגן?! — דו?..

שטן

פֿאַר דיר און פֿאַר דער קראַפֿט, וואָס דו פֿאַרגעטערסט.. ווען...

דוד

ווען?!..

שטן

ווען וואָלסט אין יעדן פּרט דיין גאָטס געבאָט געהיט..
ווייל, לאָמיר זיך ניט נאַרן:

ניִשט אַלעמאָל האָסטו געלעבט, לויט זיין געבאָט...

דוד

איך האָב געהיט מיין צונג פון שקר;
דערשטיקט אין האַרץ די אומריינע פאַרלאַנגען;
ניִשט אויפגעהערט האָט מיין נשמה, אויף אַ ווייל,
צו לויבן און באַוווּנדערן די הויכע קראַפט,
וואָס איז געווען, וואָס איז און וואָס וועט בלייבן
די סיבה כל הסיבות...

שטן

אָט טאַקי דאָס, זיי מוחל, איז דיין טעות...
ווי האָסטו דיך געקאָנט פון שקר היטן,
ווען דו האָסט קיינמאָל אים אין פנים ניִשט געקוקט?!..
ווי האָסטו, זאָג, געקאָנט דערשטיקן
די אומריינע פאַרלאַנגען אין דיין האַרצן,
ווען דו האָסט קיינמאָל ניִשט געוווּסט, וואָס אומריין איז?!
אַ בלינדער, האָסטו איר דיין שבח געזונגען, —
דער העכסטער קראַפט, דער סיבה כל הסיבות —
ווען דו האָסט קיינמאָל ניִשט באַטראַכט דאָס גרויסע ווערק,
וואָס זי האָט מיט אַ כיוון דיר באַשאַפן! —
פאַרמאָגט דען דער בן־אדם, אַנדערע וועגן
דעם סוד פון אַלע סודות צו דערגרייכן,
ווי פאָרשן יעדן טייל פון דער יצירה,
וואָס הילט אַרום דעם בוראס שטראַלנדיק געשטאַלט?!

דוד

די קדושה האָט זיך מיר באַוויזן,
אין פריער, פריער יוגנט מיינער,
און מיר אַלס מאַמע און אַלס פירערין געדינט.

שטן

ווי ווייסטו, אַז דאָס איז געווען די קדושה,

אויב דו האָסט קיינמאָל ניִשט געקאָנט די טומאה?! —
און אפשר גאָר געווען אַ בייזער גייסט,
וואָס האָט גענאַרט דיך און פאַרפירט?..

דוד

דערשראָקן

אַ בייזער גייסט?!..

שטן

כאַ כאַ! וואָס קען מען וויסן? —
דערצו נאָך, ווען איך זע, ווי דו דערווייטערסט זיך,
אויף טריט און שריט, מיט דיין משונה לעבן,
פון יענעם גרויסן ציל, וואָס גאָט האָט זיך געשטעלט,
נאָכדעם ווי ער האָט אַ טאָג זעקס געמיט זיך,
פאַר דיר אַ גרויסע שיינע וועלט צו שאַפן...
נאָכמער — אָנשטאָט דיין גאָט צו דאַנקן, לעסטערסטו:
דערמיט, וואָס דו, אַ נאַריש כוואַך באַשעפעניש,
צוחקרנסט זיך און ווילסט זיין וועלט פאַרבעסערן...

דוד

איך לעסטער?!.. וואַגסט דאָס מיר צו זאָגן?..

שטן

אָהאָ, דו בייזערסט זיך? ווערסט ברוגז?..
אַזוי זיים איר שוין אַלע, אדמס קינדער!..
דערוועגט זיך עמיץ זאָגן אייך דעם אמת,
באַלד ווערט איר אש להבה; קערט גאָר וועלכן...
ווען גאָט וואָלט וועלן האָבן בלויז נשמות,
צי וואָלט ער אַזאַ שיינע וועלט באַשאַפן?
געמיט זיך פון אַ פראָסט שטיק ליים, זיי מוחל,
מיט אייגענער האַנט אַ וווּנדער־גוף צו קנעטן? —
אים געבן אויגן, אוירן, נאָז און גומען,
יכולת צו באַוועגן זיך פון אָרט צו אָרט,

און אָפּצורייסן יענע וווּנדער פּירות,
וואָס וואַקסן אין זיין ערדישן גן־עדן;
זיי צו פאַרזוכן און באַוווּנדערן זיי,
ווי ער אַליין האָט זיי באַוווּנדערט,
אין טאָג פון דער יצירה? —
האָט גאָט אַליין דען נישט פאַרזיכערט,
אַז אַלץ איז גוט און דאַרף קיין לאַטעס נישט?..

ד ו ד

פאַרפירערישער גייסט! דו קאָנסט נישט פילן
דעם ווערט, דעם אמתן, פון די קרבנות,
וואָס איך בין מקריב צו דער הייליקייט!
סגיהנום האָט פאַרסמט די בעסטע פּירות...

ש ט ן

לאָז אָפּ, איך בעט דיך.. —
דו מאַכסט פון גרויסן גאָט אַ נעבעכל,
אַ מין שלימזלדיק באַשעפעניש,
וואָס וויל און וויל און, קאָן קיין זאַך נישט אויפטון...
ער האָט געוואָלט, דו זאָלסט געניסן פון זיין וועלט —
אַן אַנדערער... האָט נישט געוואָלט —
האָט יענער אויסגעפירט, נישט ער!.. כאַ־כאַ!..
און איצט קומסטו, אָ חקרן! בעל־רחמנות!
און ווילסט דיין אָרמען גאָט אַן עצה געבן,
ווי זיך צו ראַטעווען פון נויטן — כאַ־כאַ־כאַ!..
וואָלט איך אַ גאָט געווען, וואָלט איך דיר ווייזן
ווי איך באַצאָל פאַר אָט אַזעלכע טובות..

ד ו ד

אומבאַהאָלפן

ער האָט געוואָלט, אַז איך...

ש ט ן

אַך, לאָז, איך בעט דיך. לאָז די שטותים!..

ער האָט נישט גערן פאַלשע שבחים...
ער וויל, אַז דער וואָס ליבט זאָל ווייסן אויך פאַרוואָס...
אָט וועל איך איצט דיר ווייזן גאָטס אַ מייסטערווערק,
פון וועלכן דו האָסט מורא צו געניסן..

פון הינטערגרונט זינקט אין די הענט — עס לאָזט זיך זען אַ וווּנדער שיינער גאָרטן. אונטער אַ בוים אויף דער ערד זיצט אדם. לאַנגע שוואַרצע האָר באַדעקן זיינע אַקסלען. ער קוקט זיך אַרום אין אַלע זייטן, מאַכט מיט די הענט באַוועגונגען און זעט אויס זיך זייער צו לאַנגווײַלן

ד ו ד

וואָס ווייזטו מיר?

ש ט ן

איך ווייז דיר דאָ. ווי דו האָסט אויסגעזען,
אין טאָג, ווען גאָט האָט דיר זיין וועלט געשענקט.
ווען דו ביזט נאָר וואָס, ווי מען זאָגט, פון איי אַרויס...
ווי קלאָגעדיק דער קעניג פון דער ערד זעט אויס!..
אַליין! — די ערד און אַלץ וואָס זי פאַרמאָגט איז זיין,
און דאָך — ווי פרעמד ער פילט זיך דאָ!
וואָס טויג אים אייביק לעבן,
ווען סבינדס צום לעבן אים קיין זאַך נישט צו?..
סגעפיל פון ליבע איז אים אומבאַקאַנט:
און ווער עס ווייס נישט פון קיין ליבע,
דער ווייס פון קיין גענוס!..

אדם ליגט זיך אַוועק שלאָפן

אָט לייגט ער גאָר זיך שלאָפן... לאַנגווײַלט זיך... כאַ—כאַ!..
שוין ניחהר שטאַרבן, איידער אַזאַ לעבן...
און וואָלט אפילו גאָט פאַר אים באַשאַפן
חברים טויזנטער אַזוי ווי ער,
זאָג, וועלכע בענדער וואָלטן זיי געבונדן?
געווען וואָלט יעדערער פון זיי — „אַ איינער“ —
אַ פרעמדער צווישן טויזנט פרעמדע —

עס באַווייזט זיך אַ מלאך, פירט חוהן ביי דער האַנט

אָט וועסטו נאָך וואָס זען...

ד ע ר מ ל א ך

פֿאַרשטעלט הויכן מיט זײַנע פֿליגל

אדם! אדם!..

א ד ם

דערהאַכט

כ׳בין אָנגעבריים!

ד ע ר מ ל א ך

נישט גוט דער מענטש זאָל זיין אַליין! —

הייזט אים הויכן

א ד ם

נעמט אָן הויכן פֿאַרן האַנט

איר פֿלייש איז ענלעך צו מיין פֿלייש,
און איר געביין צו מיין געביין...

ד ע ר מ ל א ך

צושפּרייט די פֿליגלען און לייגט די האַנט אויף זייערע קעפּ צו בענטשן

און פֿרוכפּערט אייך און מערט אייך,
באַהערשט די ערד די גאַנצע און באַפּעלקערט זי!..

פֿאַרשווינדט. — אדם נעמט אַרום הויכן און גיט איר אַ קוש — גייען לאַנגזאַם אָפּ

ש ט ן

האָט דאָך דער בורא סול כל־סוף זיך אומגעזען,
אַז אין זיין ווערק איז נאָך פֿאַראַן אַ שטיקל פּגם.
הגם ער האָט געמיינט די וועלט איז פֿאָלקאָם גוט,
האָט זי געקענט אַביסל בעסער זיין.

ד ו ד

באַמערקט אַ שלאַנג אַרומקריכן אויף אַ בוים

אַ בייזע שלאַנג באַוועגט אויף יענעם בוים זיך,

און סמט די בעסטע פּרות אויף די צווייגן..

ש ט ן

די ליבע, ווי איך זע, געפֿעלט דיר נישט?

ד ו ד

זאָיז שיין און גוט געווען, דו האָסט איר טראַכט פֿאַרסמט.
זי טראָגט אַצונד די שנאה אין איר שויס:
געבוירט דעם שקר און דעם טויט..

ש ט ן

וואָס אַלץ דו רעדסט דיר איין... בלויז שטותים, כּלעבן,
גאָר שנאה, פֿאַלשקייט, טויט? וואָס — טויט?
איז דען דער מענטש נישט אומשטערבלעך ווי פֿריער?
דער גייסט לעבט אייביק; דער שטאָף לעבט אייביק —
וואָס ווילסטו מער?? —
אַ דאגה, כּלעבן, צי אינאיינעם, צי צוטיילט...

ד ו ד

פֿאַרפֿירערישער גייסט! איך ווייס צו וואָס דו שטרעבסט!
ווילסט מאַכן פֿון דער וועלט אַ חורבה,
אַ תהו־ובהו פֿון פֿאַר בראשית...

ש ט ן

דו האַלטסט מיך פֿאַר נישט ווייניק שעדלעך פֿאַר דיין גאָט?
אַ שיינע צייט! דער טייוול לויבט דעם בורא —
דער מענטש פֿאַרלייקנט אַלץ...
געביטן זיך די ראָלן — כאַ, כאַ־כאַ!..
אַצונד בין איך דער מענטש און דו — דער טייוול...

ד ו ד

איך לייקן גאָט נישט אָפּ קיין זאַך. —
אַנטקעגן אים, ביזטו צו שוואַך —
דעם מענטשן בלויז ביזטו אַ קוואַל פֿון אומגליק..

ש ט ן

ווי איז דאָס מעגלעך, ווען ספּירט דיך גאָט אַליין?

ד ו ד

ער לאָזט די בחירה אינם מענטשנס האַנט...
דעם כבוד זיך אַליין צו ווערן...
און זיגט דער מענטש, איז ווי צו דיר!..

ווייזט אים אָן אויף ליליתן

מיט איר פֿאַרפֿאַלט אויף אייביק דיין ממשלה!..

ש ט ן

זאָל זי פֿאַרפֿאַלן! שרעקסט מיך ווייניק אָפּ.
איך וועל אויף יענער זייט זיך אויך נישט פֿילן שלעכט...
בין אומעטום אַ חשוב, אַ געליבטער גאַסט.
הימל, ערד — גיהנום צי גן-עדן;
כקריג אומעטום אַ שיין קבלת פּנים...

ד ו ד

און דאָך ביזטו דער שקלאַף פֿון גיהנום!

ש ט ן

אַ טעות! כאַרבעט פֿאַרן מענטשנס טובה...
איך וויל, דער מענטש זאָל גליקלעך זיין,
און לעבן, ווי זיין גאָט האָט אים געבאָטן...
וואָס וויל דען גאָט?
מען זאָל זיין ווערק געניסן און אים דאַנקען...
דער מענטש זאָל זיין אַביסל קלוגער —
וואָלט ער פֿאַרשטאַנען אַנדערש מיך צו שעצן...
איך ווייז דאָס שלעכטס, און לערן דאָס פֿאַרמיידן...
אָט, זע איך דיך, למשל, גיין אין אַ קרומען וועג,—
געפֿין איך נישט קיין רו, און געב מיר מי, —
הגם איך ווייס, אַז דו ביזט איינגעשפּאַרט —
און שריי, און שריי צו דיין פֿאַרקריפּלטן פֿאַרשטאַנד:

העל אויף דעם קאַמף, ווייל וועלטן מאַכסטו חרוב!..

ד ו ד

איך קאָן צו גוט דיין פֿאַלשקייט...

ש ט ן

דערלויב מיר נאָר צו ווייזן דיר אַ זאַך,
וואָס מאַכט דעם מענטשן גליקלעך אָן פֿיל מי...

ד ו ד

נישט נויטיק...

ש ט ן

דו ביזט דאָך פֿריי צו פֿאָלגן אָדער נישט...
האָסט אפשר מורא, כזאָל דיך נישט פֿאַרפֿירן?
דו פֿילסט זיך אַזוי שוואַך?..

ד ו ד

מיט שטאָלץ

איך מורא? פֿאַר דיר?
פֿאַרפֿירערישער גייסט, מעגסט ווייזן, וואָס דו ווילסט:
איך בין צו מעכטיק זיך צו שרעקן!..

ש ט ן

מיט געלעכטער

און דאָך וואָלסטו נישט אַזוי דרייסט געווען,
ווען סוואָלט געגאַנגען אום דיין לעבן...

ד ו ד

וואָס הייסט?

ש ט ן

איך מיין, אַ שטייגער, דו זאָלסט מוזן שטאַרבן,
אויב מיר געלונגט דיך צו פֿאַרפֿירן...

דוד

שטאַרבן?..

שטן

כמיין שטאַרבן... טאָמער פּילסטו זיך צו שוואַך...

דוד

מיט אַ גראַלטיקן שטאָלץ

איך בין געװען אין גיהנום, צװישן שדים,
געלאַכט פון זײער קעניג, און זײן גרױסקײט, —
זאָל איך מיך שרעקן פאַר אַ שקלאַף?
פאַרפירערישער גײסט, מעגסט װײזן, װאָס דו װילסט!..

שטן

גאַנץ גוט! איך גלױב דיר אױפן װאָרט..

דוד

זײ זיכער, אַז איך װעל דאָס האַלטן.

עס דערהערט זיך פּלוצלונג אַ לײדנשאַפטלעכע מוזיק. דער גאָרטן װערט בלױז באַלױכטן — עס באַװײזן זיך אַ מחנה נימפן און באַקכאַנטקעס, האַלב נאַקעט. אײניגע מיט גאָלד-װאַזן אין די הענט און מיט טרױבנקרענץ אױף די קעפּ — זײ פירן אױס אַ לײדנ-שאַפטלעכן טאַנץ — צום סוף װערט אין גאָרטן טונקעלער און טונקעלער און אַלע נימפן און באַקכאַנטקעס פאַרשװינדן צװישן די בױמער

דוד

בלײבט װי פאַרשיכורט

אַ װעלט ביז איצט דיר אומבאַקאַנט —
אַ מעשהלע פון עדן-לאַנד! .

שטן

באַטראַכט אים מיט אַ דורכדרינגנדיקן בליק

און הײנט גײ, זאָג — זײן װערק איז שלעכט,
און דאַרף דורכאױס פאַרבעסערט װערן —
צי הײסט עס נישט זײן שם פאַרשװעכט?

אָ שמײכל מילדער! טאַנץ פול ליבעס-שיכרות!..

דוד

דערהאַכט — צום פעלדשטײן

איז נאָך נישט צײט אַװעקצוגײן?

דער פעלדשטײן

דער האָן האָט נישט געקרײט —
דערװײל נאָך אַלץ געפּערלעך...

דוד

הער אױפמערקזאַם זיך צו. —
בײם ערשטן קרײ פון האָן פאַרלאָזן מיר דאָס אָרט.

דער גאָרטן װערט בין-השמשותדיק באַלױכטן. אין הינטערגרונט, סיף איבער די בױמער-שפּיצן איז דער הימל אײנגעהילט אין פאַרבלוטיקטן שלײער פון אַן אונטערגײענדיקער זון. פון לינקס אױף רעכטס, אין פאָדערגרונט — שװערע, טונקעלע פיאָלעטאָװע װאָלקן בערג, רוקן זיך לאַנגזאַם פאָראױס, און לעשן בּיסלעכװײז אױס די לעצטע שפּורן פונם טאָג. װײטע, טויבע דונערן. װידערהאַלטע, לאַנגדױערנדיקע שלאַנגען-בליצן

אַ יאָמערלעך קול

פון װײט

הושענאַ!.. הושענאַ!..

קינדער קולות

קלאָגנדיק

װײ!.. װײ!.. װײ!..

דאָס יאָמערלעכע קול

מיט אַ ניגון

הושענאַ, למענך, הושענאַ!..

די קינדער קולות

װײ!.. װײ!.. װײ!..

ד ו ד

אײַבעראַשט

װער קלאָגט זיך דאָרט?.. װאָס יאָמערט אין דער לופֿט?..
װער רופֿט?..

ש ט ן

דײַן בלוט און סבלות פֿון דײַנע נישט געבוירענע...
זײ װאָגלען אױף דער שװעל פֿון טאָג און נאַכט,
און זוכן װו אַ מוטערלעכן טראַכט...

אַ מחנה הײַסע באַפֿליגלטע קינדערלעך יעדעס מיט אַ קלײנעם גאַרב גרינע זאַנגען אין האַנט און אַ לאַנגען, שװאַרצן טײל אױפֿן פּנים קומען צעלױפֿן פֿון פֿאַרשידענע זײַטן. קוקן זיך אַ װײַל אַרום אומזיכער, לױפֿן װײַטער פֿאַראױס יעדעס אין אַ באַזונדערע ריכטונג און קומען באַלד װידער צוריק אױף דעם זעלבן אָרט.

ד י ק י נ ד ע ר

װײ!.. װײ!.. װײ!..

צעלױפֿן זיך, זיך בײַטנדיק מיט די ריכטונגען

ש ט ן

אָט לױפֿן זײ!..
די פּנימער באַדעקט מיט שאַנד,
דאָס בינטל יאָרן אין דער האַנט..

ד י ק י נ ד ע ר

צוריקקומענדיק

װײ!.. װײ!.. װײ!..

לױפֿן װידער צוריק

אַ ח ב ר ה־ש מ ש

מיט אַן אָנגעצונדענעם לאָמטערן אין אײן האַנט, אַ צדקה-פּושקע אין דער צװײטער. לױפֿט דורך אײַלנדיק, קלאַפּט מיט דער פּושקע און זאָגט

צדקה תציל ממות!.. צדקה תציל ממות!.. סוף

סוף

ד י ק י נ ד ע ר

צוריקקומענדיק

װײ!.. װײ!.. װײ!..

א י י ן ק י נ ד

נישטאָ קײן אױסװעג!..

אַ צ װ ײ ט ס

אײַנגאַנג, אױסגאַנג גוט געשלאָסן...

אַ ד ר י ט ס

מיט בלײ און שטאָל פֿאַרגאָסן,
מיט אײביקײט פֿאַרשטעלט...

אַ מ ע כ ט י ק ק ו ל

פֿון װײַט זינגט

אל מלא רחמים שוכן מרומים... א. צ. ו.

ד אָ ס ע ר ש ט ע ק י נ ד

נישטאָ קײן תיקון!..

ד אָ ס צ װ ײ ט ע

נישטאָ קײן װעלט!..

ד אָ ס ד ר י ט ע

װאַרפֿט אַװעק דעם גאַרב

װײ!..

אַ ל ע ק י נ ד ע ר

װײ!.. װײ!.. װײ!..

װאַרפֿן אַװעק די גאַרבן, און פֿאַרשװינדן אין דער טיפֿקײט, לינקס. באַלד קומען זײ אָבער צוריק אין אַ פֿעסט געשלאָסענער שורה, די פֿליגל צונױפֿגעלײגט און די קעפּ אַרונטער. הינטער זײ באַװײַזן זיך פֿיר קברנים טראָגנדיק אַ שװאַרצע מיטה. הינטער דער מיטה — אַ געשפּענסט דורך און דורך ענלעך צו דודן. די לויה שטעלט זיך אַ װײַל אָפּ, בעת פֿון װײַט הערט מען די פֿאָרטזעצונג פֿונעם „אל מלא רחמים".

ד ו ד

בײַם צעטערניש

פֿאַרפֿירערישער גײַסט! וואָס ווייזטו מיר?..

ש ט ן

דערקאָנסטו נישט דיין אייגענע געשטאַלט?
באַלייטסט צום קבר דיינע קומענדיקע דורות;
דו בײַזט אַליין דער מת און די לויה!..

די חיזיון פֿאַרשווינדט. אין גאָרטן הערט פֿינצטער

ד ו ד

בלײַבט חי פֿאַרזונקען אין זײַנע געדאַנקען

ש ט ן

באַטראַכט אים אַ ווײַל איראָניש

„און פֿאַרשאָלטן אייך! און מערט אייך!
„באַהערשט די ערד די גאַנצע און באַפֿעלקערט זי!" —
צי האָסטו דאָס געבאָט געהאַלטן?
און האָסטו קינדער אויף דער וועלט געבראַכט?

ד ו ד

זיך באַהערשנדיק

אַוועק פֿון מיר פֿאַרפֿירערישער גײַסט!
כ'בין מיד צו הערן דיינע פֿאַלשע רייד...

ש ט ן

דו האָסט אַ הייליק וואָרט געגעבן
צו זען אַלצדינג, וואָס איך וועל ווייזן...

ד ו ד

צי האָסטו נאָך נישט אַלץ געוויזן?

ש ט ן

איין זאַך נאָך מוזטו זען.

ד ו ד

נו, ווייז, איך האַלט מיין וואָרט.
איך וועל דיך אָבער צווינגען — האַלטן דיינס.
דו זאָגסט, אַז ס'איז די לעצטע זאַך?..

ש ט ן

די לעצטע און די הכסטע פֿאַר אַ מענטש ווי דו.
וועסט זען, אַז אויב דו בײַזט איצט גרויס און מעכטיק,
באַדאַרפֿסטו מיר דערפֿאַר צו דאַנקען...

ד ו ד

מיט פֿאַראַכטונג

געמיש פֿון חוצפּה און פֿון ליגן!..

ש ט ן

דו זאָלסט אַליין זיך איבערצייגן,
ווי אמת מיינע ווערטער זיינען.

ד ו ד

ווי אמת? —
נישט ברענג דאָס וואָרט אויף דיינע ליפּן!..
דיר דאַנקען פֿאַר מיין מאַכט, פֿאַרפֿירערישער גייסט!
געפֿירט האָט מיך די הייליקייט —
און דו פֿאַרלאַנגסט דעם דאַנק?!..

ש ט ן

דאָס איז דער אַלטער טעות דיינער —
האָט זי דיר נישט אַמאָל פֿאַרבאָטן
צו עסן פֿון געוויסע פּירות?..

ד ו ד

מיט כעס

נישט לעסטער מיין קדושה!..

שטן

ביזט שולדיק מיר דאָס ליכט פון דיינע אויגן!..

דוד

דעם טויט!..

שטן

דעם טויט האָט דיר דיין גאָט אַליין געשענקט...
זיין דורשט נאָך בלוטיקער נקמה!..

דוד

ביטערט פון אויפרעגונג

אָ שווייג!..

שטן

אויס מורא — זאָלסט נישט ווערן גלייך צו אים...

דוד

צו זיך

פאָטער, הימלישער!..

שטן

ער האָט ביי דיר די אייביקייט גערויבט!..
און מיר — דאָס לעבן פאַר דיר איינגעשטעלט.
זיין קנאה רודפט מיך נישט ווייניקער, ווי דיך...
די זעלבע קללה רוט אויף ביידע גלייך...
איז דאָס דיין דאַנק, דיין יושר און דיין שכל?..
האָסט פיינט די קראַפט, וואָס מאַכט דיך פאַר אַ גאָט,
און קניסט פאַר דער, וואָס האָט דיך בלינד באַשאַפן;..
געוואָלט זאָלסט זיין אַ קריכנדיקער וואָרים...

דוד

מיט שרעקלעכער אויפרעגונג

אָ שווייג! שווייג!..

דער גאָרטן ווערט צוריק באַליכטן — מען באַמערקט אַ שיינעם בלומענפלאַץ; פּנקט אין מיטן צוויי ביימער: דער עץ החיים און דער עץ הדעת — די שלאַנג הענגט אויף אַ צווייג פון עץ הדעת

שטן

הייזט אויף דער שלאַנג

אָט ווער סהאָט דיך זעעוודיק געמאַכט...

דער מלאך

באַהייזט זיך

אדם! אדם! ווו ביזטו?..

אדם און חוה — פאַרומגערינגעלט מיט גאַרטלען פון פייגנבלעטער — באַווייזן זיך

אדם

דיין קול דערהערט... באַהאַלטן זיך...
כהאָב מורא... בין נאַקעט...

דער מלאך

און ווער האָט דיר דיין נאַקעטקייט אַנטפּלעקט?
צי האָסטו פרוכט פון יענעם בוים געגעסן?..

אדם

מיט גרעסלעכן שרעק

געגעסן — סווייב...

דער מלאך

צו חוהן

און וואָרום האָסטו דאָס געטון?

חוה

די שלאַנג מיך צוגערעדט... געזאָגט סאיז גוט...

דער מלאך

צו דער שלאַנג

און דו, אַ שלאַנג! פֿאַרשאָלטן זאָלסטו זיין..
פֿאַרשאָלטן צווישן אַלע ברואים..

ש ט ן
שטילערהייט צו דודן
אָט זע, ווער סאיז דער קוואַל פֿון קללות!..

ד ע ר מ ל א ך
הייטער
און האַס זאָל הערשן צווישן ווייב און שלאַנג...
און פֿרעסן זאָלסטו שטויב דיין לעבן לאַנג!..

ש ט ן
שטילערייט צו דודן
אָט זע, ווער סאיז דער קוואַל פֿון שנאה...

ד ע ר מ ל א ך
צו חוהן
און דו אָ ווייב! פֿאַרשאָלטן איז דיין טראַכט!
מיט ווי זאָלסטו געבוירן,
מיט ביטערניש און באַנג;
דער מאַן זאָל זיין דיין הערשער —
דער ציל פֿון דיין פֿאַרלאַנג...

ש ט ן
שטילערייט צו דודן
אָט זע, ווער סאיז דער קוואַל פֿון קנעכטשאַפֿט..

ד ע ר מ ל א ך
צו אדמן
פֿאַרשאָלטן זאָל דיר זיין די ערד, אָ אדם!
מיט שווייס פֿון שטערן זאָלסטו זי באַדעקן —
פֿאַר יעדן ביסן ברויט:
און זייען מי, און שניידן דערנער,

ביז קומען וועט דער טאָג פֿון טויט
און דיך דערלייזן..
פֿון שטויב ביזטו געבוירן, —
צו שטויב פֿירט איצט דיין וועג!..
באַפֿעלעריש צו ביידע
גייט!

א ד ם א ון ח ו ה
פֿאַרצווייפֿלטע, האַרפֿן זיך אויף די קני און בעטן, מיט שטומע הינקן, רחמים

ד ע ר מ ל א ך
באַפֿעלעריש
גייט!.. גייט!..
אדם נעמט אָן חוהן פֿאַר דער האַנט און גייט מיט איר אָפּ — דער מלאך גאָך זיי — עס ווערט פֿינסטער

ש ט ן
ער יאָגט אַרויס זיי פֿון גן-עדן...
רהאָט מורא פֿאַרן עץ-החיים...
כאַ-כאַ—כאַ!..

ד ו ד
פֿאַרצווייפֿלט
אָ גאָט!..

ש ט ן
אַצינד פֿאַרשטייסטו ווער דיין שונא איז.
דו קאָנסט אים, ווייסט, מיט ווענען האָסט צו קעמפֿן...

ד ו ד
ציטערט פֿון חייטיק
מיט גאָט?..

שטן

רוף אָן אים ווי דו ווילסט. נאָר איינס געדענק:
אַז שנאה, קנאה, קנעכטשאַפט, צער... טויט...

דוד

שטרעקט די פויסטן צום שטן

אַ שווייג, דו אומריין וועזן
ניט רויב מיין הייליקייט!..

שטן

כאַ—כאַ—כאַ!.. רויבסט הייליקייט די בייזע קראַפּט,
וואָס האָט פאַרמשפּט דיך צום טויט!
אויס מורא זאָלסט ניט ווערן גלייך צו איר?..

דוד

מיט קאָנוואַלסיווע באַוועגונגען און הייזעריק

ניין, ניין, איך וויל דיין וואָרט ניט הערן!..
דיין צונג איז פול מיט פאַלשקייט און פאַרפירונג!..
אַוועק פון מיר, דו גייסט, פאַרשאָלטענער!..
אַוועק!.. אַוועק!..

מען הערט אַ קרייען פון הענער

דער פעלדשטיין

געשווינד!.. סאיז צייט... די הענער קרייען...

דוד

אויסער זיך — צום שטן

אַוועק פון מיר, דו אומריין וועזן!..
אַוועק!..

דראָט אים מיטן פאַרמעט

שטן

צוריקשרינגענדיק

דו קעמפסט מיט דיר אַליין, אומגליקלעכע מענטשנקינד!..

דער פעלדשטיין

געשווינד!.. שוין באַלד צו שפּעט!.. קום!..

ער און לילית לויפן אַפּ דורך דער עפנונג רעכטס

דוד

הינ צומיטס

איך גיי!.. די לילית — היט... איך גיי!..

לויפט זיי ביידע נאָך און פון איבערראַשונג פאַרלירט ער דאָס פאַרמעט

שטן

פאַר זיך

דו קאָנסט שוין גיין... דער פונק איז אָנגעצונדן!..
צו שווער אים אויסצולעשן

דערזעט דאָס פאַרמעט

כאַ—כאַ! איצט ליגסטו אויף דער ערד!..
דיין כוח איז אַוועקגענומען...

הייבט אויף און באַטראַכט אים

אַ קעלבערנע פעל...
כאַ—כאַ, כאַ—כאַ!..

וואַרפט עס אַוועק און גייט אַפּ — לינקס

פאָרהאַנג

פֿירטער טייל.

אַ טייך הינטער דער שטאָט. אַ ברייטער וועג. וואָס ציט זיך רעכטס און לינקס, לענג-אויס דעם ערשטן ברעג דאָ און דאָרט נעבן וועג, איינצעלנע בוימער. אין ערשטן פּלאַן — רעכטס, דודס הייזל געדעקט מיט שטרוי. פֿאַרן הייזל — אַ גרויסער דעמבּאָווער בוים, פֿון וועלכן די פּראָפּגעפּאַלענע געלע בלעטער ליגן אויף דער ערד. נעבן בוים, אַ גרויסער שטיין. אויף דער צווייטער זייט טייך באַמערקט מען פֿון גאַנץ ווייט, אויף אַ געהויכער הויכקייט, די שטאָט, וואָס איז ערטערהייז באַלויכטן און שפּיגלט אָפּ אירע פֿייערלעך אין שוואַרצן וואַסער פֿונם טייך. — אַ פֿינסטערע הערבסט נאַכט. דער ווינט פֿייפֿט טרויעריק. עס רעגנט, עס דונערט און עס בליצט.

למך

קומט פֿון וועג לינקס און גייט אָפּ צום הייזל

שוין לאַנגע יאָרן אַזאַ חושך נישט געזען.
אַ מוראדיקע נאַכט... נישט אויסצוהאַלטן...
און דונערן, בליצן... וועלטן לייגט עס איין!..
אודאי אַ מכשפה זיך געהאָנגען...

גייט צום פֿענסטער פֿון הייזל און קלאַפּט אָן

מען ענטפֿערט נישט...
שוין פֿערציג טעג, אַז ער איז פֿון דער היים אַוועק,
און רקומט נישט צוריק...
ווער ווייס, וואָס סהאָט געטראָפֿן!..
אוי!.. שלעכטע צייטן קומען אָן...

זעצט זיך אַנידער אויפֿן שטיין אונטערן בוים

דער משוגענער

פֿון גאַנץ ווייט זינגט

עס דונערט און עס בליצט,
די פֿייגעלעך אַנטלויפֿן, —

די יונג-פֿרוי טרוימט...
דער געליבטער ליגט פֿאַר אירע פֿיס
און זינגט צו איר שירה...
קינדערלעך ווערן געבוירן,
קינדערלעך ווערן פֿאַרלוירן,
און די וועלט וויינט...

למך

צו זיך

האָט צוגעזאָגט, נאָך פֿערציק טאָג
אַהיימצוקומען —
שוין פֿערציק טעג פֿאַרביי און נישט מען זעט אים...

גייט ווידער צו און קוקט אַריין אין פֿענסטער

דער משוגענער

מיט שווידער פֿייפֿט דער ווינט דורך פֿעלד און וואַלד.
און בלעטער גוסן און פֿאַלן... פֿאַלן...
קיין בלום נישט צו געפֿינען...

למך

קוקט אין פֿענסטער אַריין

צי נאַרן מיך די אויגן?
מיר דוכט, איך זע דאָרט וועמען...
נישט איינעם בלויז, נאָר צוויי...

שפּרינגט אָפּ דערשראָקן

אַך, גאָט! די אויגן ברענען זיי ווי פֿייער!..
די גופֿים ווילד, משונהדיקע — שוואַרץ ווי קויל...
ביי איינעם גיסט זיך פֿון די אויגן בלוט...

אַ קול פֿון הייזל

אָרים מענטשנקינד! זאָג, ווילסטו גליקלעך זיין? —
אַ טיר אונז עפֿן!..

ל מ ך

ווער זייט איר?

ד אָ ס ק ו ל

אַ קאָפּ, אַ נאַרישער, האָט אונז פאַרשלאָסן,
און האָט די גאַנצע וועלט פון גליק באַרויבט...

ל מ ך

כבין נישט דער בעל־הבית פון דעם הויז,
און דאַרף נישט אויפרייסן קיין פרעמדע טיר...

אַ ב ל י נ ד ע ר ב ע ט ל ע ר

שפּילט אויף אַ גיטאַרע און זינגט

מענטשן גוטע, האָט רהמנות!
און דערפאַר זאָל גאָט אייך בענטשן —
איר זאָלט פון קיין נויט נישט וויסן
און נישט דאַרפן צו קיין מענטשן!

ד אָ ס ק ו ל פ ו ן ה י י ז ל

אָ, מענטשנקינד! איז דיר דיין לעבן טייער,
נישט שטויס אַוועק דאָס גליק מיט אייגענע הענט!..

ל מ ך

דערשראָקן

ווער זייט איר?

ד אָ ס ק ו ל פ ו ן ה י י ז ל

די הערשער און די שקלאַפן... סוועגדט זיך בלויז אין דיר...

אַ צ ו ו י י ט ק ו ל פ ו ן ה י י ז ל

איך מאַך דאָס שיינע — מיאוס,
דאָס מיאוסע — שיין...

ל מ ך

ווער זייט איר?

ד אָ ס צ ו ו י י ט ע ק ו ל פ ו ן ה י י ז ל

מיין האַנט איז פול מיט אוצרות אָן אַ צאָל!..

ד ע ר ב ע ט ל ע ר

מענטשן גוטע, האָט רחמנות!
אַ נדבה קאָנט איר געבן.
כהאָב מיין אויגנלוכט פאַרלוירן,
אין מלחמות פאַרן לעבן...

ד ע ר מ ש ו ג ע נ ע ר

באַווייזט זיך

אַז וואויל איז דעם, וואָס קאָן זיין רוקן בויגן,
און בלייבן תמיד גלייך! —
דער בוים שטייט קעגן, ווערט ער אויסגעריסן,
און מענטשן מאַכן זיך מיט אים אַ פייער,
און וואַרעמען זיך, ווען ס'איז זיי קאַלט...

ד ע ר ב ע ט ל ע ר

מענטשן גוטע, האָט רחמנות!
ס'שטייט פאַר אייך אַ מענטש, אַ בלינדער!
שענקט נדבות, שענקט מתנות,
כבין קיין רשע נישט, קיין זינדער...

ד ע ר מ ש ו ג ע נ ע ר

דו נאַריש מענטשל! דאַרפסט עס אונז נישט זאָגן;
מיר ווייסן דאָס אַליין.
די אויגן צוגעמאַכט ווי ביי אַ טויטן...
אַ טויטער זינדיקט שוין נישט מער... כאַ—כאַ...
גייט אַלץ צום בעסטן אין דער וועלט, דער בעסטער!..
דאָס האָט מיר לייבניץ שטילערהייט געזאָגט...

באַמערקט למך

העי־הע! וואָס שטייסטו עפּיס מיט די הענט פאַרלייגט?
ביזטו אַ שומר, קלאַפּ־זשע מיט אַ שטעקן

און שריי: סלושיי!.. סלושיי!..

למך

פאַראַן דאָ שדים צוויי...

דער משוגענער

אַ נייעם סוד געוואָר געוואָרן!
כאַ—כאַ! דו אַלטער נאַר
צי ווייסטו ניט, אַז שדים זיינען מענטשן
און מענטשן — שדים?..
שוין לאַנג געביטן זיך די צייטן...
ביי טאָג איז פינסטער און ביינאַכט איז ליכטיק...

גייט צום פענסטער פון הייזל און קוקט אריין

למך

כאַפּט אים אָן פאַר די הענט

געוואָרנט זיי... ניט עפן... קאָנען בייז טון...

דער משוגענער

רייסט זיך אַרויס

לאָז, לאָז, איך ווייס ווי מיט זיי אומצוגיין.
אָט, זע. ווי יענער ווייַנט מיט טרערן בלוטיקע.

דאָס צווייטע קול פון הייזל

דו אָרים מענטשנקינד, און ווילסטו גליקלעך זיין,
די טיר אונז עפן!..

דער משוגענער

צי קאָנסטו וועקן טויטע פון די קברים?..

דאָס צווייטע קול פון הייזל

יאָ...

דער משוגענער

און מאַכן לעבעדיק מיין כלה?..

דאָס צווייטע קול פון הייזל

יאָ..

דער משוגענער

ווי רופט מען דיך?

דאָס צווייטע קול פון הייזל

איך וועב די גליקלעכסטע חלומות...

דער משוגענער

וואָס דאַרף דער מענטש דען נאָך?
צי איז דאָס לעבן מער, ווי בלויז אַ חלום!..
אָ, גייסט! דו ברענגסט מיר צוריק מיין כלה?..

דאָס צווייטע קול פון הייזל

פיל שענער ווי זי איז געווען!..

דער משוגענער

אויב יאָ, צו וואָס דען זיין אין תפיסה איינגעשפאַרט,
איר גייסטער, פרייד-מבשרים, גליק-פאַרטיילער?
צי האָט דער מענטש אָן אייך דעם מינדסטן ווערט?
וואָס איז דאָס מענטשנגליק? אַ מדבריש געשפענסט,
אַ שווינד-ליכטל, וואָס טאַנצט אַ זיג-זאַג,
און פירט אין זומפּ אַריין דעם נאַר, וואָס לויפט דערנאָך —
זייט פריי, איר גליקלעכע מבשרים!..
זייט פריי!..

ברעכט אויס אַ פענסטער

למך

מיט שרעק

וואָס טוסטו, דו משוגענער!..

ברומט אים אַקעגן פֿון פענסטער

דער משוגענער

אַרויסרייסנדיק זיך

משוגע און פאַרקרומט איז יענער מוח,
וואָס האַלט דעם כּוח-הדמיון אין אַ לאָך פאַרשפאַרט ..
און קלוג איז דער, וואָס מאַכט די פליגל זיינע פריי!..

ברעכט אויס דאָס צווייטע פענסטער

אָ, גייסט פון גליקלעכע חלומות, קום אַרויס!
שפרייט אויס דיין בלויען פליגל איבער גאָר דער וועלט,
און שפין דעם מענטשנקינד דיין כּשוף-טרוים..

ד ע ר ש ד פ ו ן ב י י ז ע ח ל ו מ ו ת

שפרינגט אַרויס דורך אַ פענסטער

די דונערן און בליצן הערן אויף — די גאַנצע אומגעגנט ווערט בלוי באַלויכטן

ד ע ר ב ע ט ל ע ר

ליכט!.. ליכט... איך זע דאָס ליכט!..

ל מ ך

גאָר נייע כּוחות וועקן אין מיין גוף זיך!..
עס פרייט זיך אַלץ אַרום —
איך פיל מיך שטאַרק ווי אין די אַלטע צייטן..

ד ע ר מ ש ו ג ע נ ע ר

די נאַכט — פאַרשוווּנדס,
אַ מילדע ליכטיקייט הילט אום דעם רוים..
און טויזנט פייגל-כאָרן זינגען...
און בשמים-ריחות אַלערליי
דערקוויקן מיין צווייטאָקטע נשמה...
נאָר גייסט פון גליק! ווו איז מיין כּלה?
איך זע זי נישט!..

ד ע ר ג י י ס ט פ ו ן ב י י ז ע ח ל ו מ ו ת

אַנטלויפט

קער אום דיין פּנים צו דער שטאָט, און זע —
דאָרט שוועבט דער שענסטער חלום פון דיין יוגנט...

אין מיטן טייך דערהויבט זיך פון וואַסער אַרויס אַ בילד-שיינע יונגפרוי, איינגעהילט אין

אַ ווייסן מאַנטל. אַרום איר שווימען אַ סך פרויען-געשטאַלטן...

ד ע ר מ ש ו ג ע נ ע ר

איך זע זי!.. יאָ, איך זע זי!..
און שענער טויזנט מאָל ווי פריער...
איך זע זי.

לויפט אַריין אין טייך — אַלע נאָך אים

ד ע ר ב ע ט ל ע ר

מיין ווייב?!.. די קינדער מיינע?..
איך זע!.. — —

ל מ ך

די מתים זיינען לעבעדיק געוואָרן!..

די געשפענסטער פאַרשווינדן אין וואַסער אַריין און די דריי מאַנסבילן מיט זיי. — עס ווערט צוריק פינסטער. — עס קומט אָן די אַלטע מכשפה מיט אַ גאַנצער מחנה שדות אין שוואַרצע שלייערס, מיט קייטן אויף די הענט און אויף די פיס

ד י א ל ט ע מ כ ש פ ה

מיט ביטקייט — פאַרהויסטנדיק זיך פון צייט צו צייט

נו, איילט זיך אונטער, שוואַרצע יאָרן,
און מאַכט דעם כּשוף-קריין!

זיי מאַכן אַרום איר אַ קרייז

און האָט זיך בלוט און פלייש באַהאַלטן, —
דערשטיקט, מאַכט קאַלט, ווי אייז!..
דעם גראָבן פינגער צו דער ערד,
די פנימער צו מיר געקערט —
שווערט! — שווערט! — שווערט! —

א ל ע ש ד ו ת

טוען, ווי זי הייסט

מיר שווערן!..

ד י א ל ט ע מ כ ש פ ה

ביים פלאַם פון די מדורי-גיהנום,

ביים גרינעם וואַסער פונם אַלטן מבול,
ביי דונער, בליץ, און שטורם-ווינטן, —
באַשווער איך אייך, איר לילית-טעכטער!
ביים ערשטן וווּנק מיין, מאַכט אַן עגול
און טאַנצט פאַר אים אַ ווילדן טאַנץ!..

אַלע שדות

זאָל לעבן טעות און צווייפל!..

די אַלטע מכשפה

און רעדט ער אויס די ערשטע קללה,
און לעסטערט דעם, וואָס ער פאַרגעטערט, —
האַלט גרייט די שאַרפע אָדלער-נעגל,
און רייסט! רייסט! רייסט!..

אַלע שדות

זאָל זיין ווי דו באַגערסט!..

שטן

באַהייזט זיך ליינקס פון חייטנס

די אַלטע מכשפה

איך געב אייך שליטה אויף זיין גוף,
נור זיין נשמה רירט נישט אָן —
איך וויל זי מיט נצחון-רוף
דערפירן צו דעם הערשערס טראָן..

אַלע שדות

די שוועסטער איז גערעכט!..

שטן

דערנענטערט

זי מעסט זיך אָן דאָס גאָרנישט שלעכט..

צו דער מכשפה

העי, אַלטע!

די אַלטע מכשפה

בייט כעס

אַ חוצפה!.. מיט מיר אַזוי צו ריידן!..

שטן

מיט איראָניע

אַ שאָד דיין אויסגעגראַבעלט אויג —
דו וואָלסט מיך אַנדערש באַלד דערקענט..

די אַלטע מכשפה

מיט שרעקלעכן צאָרן

ביזטו אַ מענטשנקינד, — מיין פלוך אויף דיר!..
ביזטו אַ שד — האַלט סמויל!..

דראָט אים מיטן שטעקן

שטן

אָהאָ! דו, אַלטע! —
לאָז צו אַ קאַץ דאָס פנים גלעכן,
זי דראַפּעט דיר די אויגן אויס...
דרך-ארץ, אַלטע קליפּה!..

די אַלטע מכשפה

דו ווייסט מיט וועם דו רעדסט?..

שטן

אויב כהאָב קיין טעות נישט, ביזטו אַ שפּרעכערקע,
אַ שטיקל קאָרטנוואַרפערן,
און אפשר אויך אַ גבאיטע,
וואָס זאָרגט פאַר אַלטע בתולות...

די אַלטע מכשפה

אָ, ציטער פאַר נקמה!..

ש ט ן

ווען דו וואָלסט האָבן ביידע אויגן, אַלטע,
און אויך נישט קוקן העכער, ווי דו דאַרפסט,
וואָלסטו דערקאָנט מיך אין מיין ייִנגן פוס.

שטופּט איר דעם פוס אין פּנים אַריין

די אַלטע מכשפה

דערקענט אים און פאַלט פאַר אים אויף די קני — אַלע שדות מיט

איך בין דיין טרייע דינסט, אַ שטן!

ש ט ן

פאַרנייגט זיך מיט איראָניע

און איך — דיין טרייער קנעכט — מאַדאַם!
צי קאָן איך מיר דערלויבן דיך צו פרעגן:
פון ווו דו קומסט? וווהין דו גייסט?
און וואָס עס גרייטן צו די טרייע דינסטן?

די אַלטע מכשפה

שטייט אויף

איך קום פון דעם גיהנום —
איך גיי צום למד-וואוניק;
וואָס אַנבעלאַנגט די דריטע פראַגע

לייגט אַ פינגער צו די ליפּן

שאַ-שאַ-שאַ!..

ש ט ן

כּפאַרשטיי

אודאי זיך דערקלערן אים אין ליבע...
כאַ-כאַ!.. דיין הוסט וועט אים אַנטציקן, אַלטע!..

די אַלטע מכשפה

די מוטער פון דער נאַכט געפאַנגען!..

ש ט ן

און גלויבסט וואָס אויפצוטון?

די אַלטע מכשפה

אַ שטומער מיט אַ שטומען
פאַרשטייען זיך פיל גרינגער:
דאָס מענטשנקינד באַצווינגען,
קאָן נאָר אַ מענטשנקינד!..

ש ט ן

איך האָב געפּרוווט דעם צווייפל..

די אַלטע מכשפה

און איך וועל פּרוּוון טעות!..

ש ט ן

דאַן ווינטש איך דיר נצחון!.. —
און אויב דיר גיט זיך איין זי צו דערלייזן,
איז וואויל צו דיר! —
דער גיהנום וועט דיר דאָס געדענקען...
נאָר קודם כּל, קום, העלף מיר דאָ באַפרייען
דעם אָרעמען משחית נעבאַך פון זיין תּפיסה...

די אַלטע מכשפה

זאָל זיין ווי דו פאַרלאַנגסט! —
וואָס דאַרף איך טון? —

ש ט ן

נאָר בלויז די טיר אויסברעכן. —
ווייל קצרות איז שוין פריי...
די האַנט פון אַ בן-אדם האָט דערפאַר געזאָרגט.
די פענסטער אויפגעריסן און אים פריי געלאָזט...
דער משחית אָבער גייט דורך ברייטע טירן..

די אַלטע מכשפה
ברעכט אויס די טיר פֿון הייזל

משחית
א הילדע בריאה מיט א שוואַרץ האָריקן קערפּער, ברענענדיקע מיט בלוט פֿאַרגאָסענע אויגן, א געזיכט, וואָס דריקט אויס די העכסטע מדרגה פֿון אכזריות, לויפֿט אַרויס און פֿאַרשווינדט

אַלע שדות
זאָל לעבן טעות און צווייפל!..

אַפּ, נאָך משחיתן

דער הימל ווערט [אויסגעלייכטערט, די לבנה באַשײַנט טרויעריק די אומגעגנט פֿיר אַלטע למד-וואָוניקעס קומען אָן איינציקווייז דורכן וועג, פֿון רעכטס און לינקס, אַלע אַזוי קיטלען מיט טליתים אויף די קעפּ

איין למד-וואָוניק
ווי לאַנג וועט דויערן די פֿינסטערע נאַכט?..

צווייטער למד-וואָוניק
כל-זמן סאיז איינער חייב און דער צווייטער ריין...

דריטער למד-וואָוניק
דער גואל איז נישט ווייט!..

פֿירטער למד-וואָוניק
אין די פֿאַרלאָזטע טויערן פֿון רוים,
שוועבט אום אַ שווייגעוודיקער דער מתבודד,
און קרענקט זיין שווערן חלום פֿון דערלייזונג.

ערשטער למד-וואָוניק
דער טאָג איז קורץ, די אַרבעט שווער —
און מענטשן זיינען פֿויל!..

צווייטער למד-וואָוניק
פֿון אַלע הערצער, מאַכט איין האַרץ;

נשמות צו נשמות בינדט, —
דער גואל איז נישט ווייט!..

דריטער למד-וואָוניק
חבל על דאבדין דלא משתכחין!..

פֿירטער למד-וואָוניק
ווי לה דשכינתא בגלותא!..

אַלע
אינאיינעם
ווי לה דשכינתא בגלותא!..

ערשטער למד-וואָוניק
אוי, שווער, צו שווער די אויסצוליזונג!..
און דאָך — אין ווען וועט זיך דאָס, ווען נישט אין אונז?..
ווו אָבער איז דער ראשית?
און ווו — די אמתע נקודה?
ווי גרויס איז אונזער אייגענער כח?
ווען מעג מען קוקן מעלה.. מעלה?..
ווען מוז מען גיין דעם קאָפּ צו דרערד געבויגן?..
אַז האָפֿנונג, אָן מעשים טרייבט צו ספקות,
און צופֿיל גלויבן זיך אַליין — צו יאוש, —
ווו טרעפֿט מען זי, די אמתע נקודה,
וואו טון און האָפֿן זאָל נישט זיין קיין חטא? —
שוין פֿירציק טעג אַריבער
זייט אונזער חבר איז פֿון אונז אַוועק,
געזעגנט ביים ערשטן משמר זיין צוריק..
און ווי איך זע...

צווייטער למד-וואָוניק
צופֿיל געגלויבט אין אייגענעם כח!..

דריטער למד-וואוניק

צופיל געגלויבט...

פירטער למד-וואוניק

געוועזן צו יונג...

ערשטער למד-וואוניק

נאָך נישט געווען די צייט...

צווייטער למד-וואוניק

געוואָלט אויף אַ בית-עלמין — הייזער בויען...

פירטער למד-וואוניק

מיר האָבן נישט באַדאַרפט אים לאָזן גיין אַליין!..

ערשטער למד-וואוניק

צו פיל געזאָרגט פאַר טויטע,
און אָן די לעבעדיקע גאָר פאַרגעסן...
לפחות קומט אים זוכן דאָ אַרום...
איז ער אַ קרבן פאַר קדושה,
האָט פינסטערניש דאָס לעבן אים גערויבט,
וועט איר געפינען ערגיץ דאָ זיין גוף...
און אויב נישט...

צווייטער למד-וואוניק

האָט ער געצווייפלט!..

פירטער למד-וואוניק

האָט הייליקייט אַ קינד פאַרלוירן,
און מיר — אַ חבר!..

דריטער למד-וואוניק

דאַן מעג מען רייסן קריעה,
און אים באַוויינען...

זיי צושפרייטן זיך אַרום הייזל און זוכן פון אַלע זייטן

ערשטער למד-וואוניק

קוקט אַריין אין הייזל

די טיר און פענסטער אויסגעבראָכן...

צווייטער למד-וואוניק

לויפט צו

אָט זעט, וואָס טוט זיך אויף דער ערד!..
דאָס זיינען נישט קיין מענטשנטריט...

די איבעריקע לויפן צו — קוקן אויף דער ערד

ערשטער למד-וואוניק

די סטרא-אחרא דורכגעגאַנגען...

דריטער למד-וואוניק

די טריט פון משחית... הייס ווי פייער,
און רויט ווי בלוט...

ערשטער למד-וואוניק

נאָך אפשר צייט...

צווייטער למד-וואוניק

מיר וועלן גייען נאָך די שפורן...

אַלע

איינשטימיק

מיר גייען!.. מיר גייען!..

גייען אָפּ — לינקס

אויפן טיך באַווייזט זיך אַ שיפל, ווו עס זיצן דוד, דער פעלדשטיין און לילית. — אַלע דריי שטייגן אַראָפּ אויפן ברעג און גייען צום הייזל

דוד

דערשראָקן

טיר און פענסטער אויסגעבראָכן,
און די גייסטער פאַרשוווּנדן!..

דער פעלדשטיין

דאָס האָט געטון אַ האַנט,
אויף וועלכער האָסט קיין שליטה נישט...

דוד

אַ האַנט, אויף וועלכער כ'האָב קיין שליטה נישט?..

דער פעלדשטיין

די האַנט פון אַ בן-אדם...

דוד

מיט טרערן

אָ, מענטשן!.. מענטשן!..

דער פעלדשטיין

דאָך זיי דיך נישט מצער —
כל זמן די לילית איז אין דיין רשות,
פֿאַרבלייבן אַלע שדים דיינע קנעכט...

דוד

מיט כעס

זי איז אין מיין רשות!..

דער פעלדשטיין

און וועט אין דיין רשות פֿאַרבלייבן,
כל זמן קיין מענטש וועט נישט דיין לעבן רויבן...
דו ביזט איר האַר, און זי — דיין קנעכט;
באַפֿעל, — זי וועט געהאָרכזאַם זיין. —

ער פֿירט אריין ליליתן אין היכל

דוד

אַ מענטש, מיין לעבן רויבן?!

דער פעלדשטיין

דיר שטייט אַזעלכעס פֿאָר...

דוד

לאָזט זיך פֿאַלן מיד אויפֿן שטיין דעם קאָפּ אויף בײדע הענט געלענט

מעכטיק קעגן שוואַרצן שונא —
נישטיק קעגן זיך אַליין...

דער פֿעלדשטיין

נאָך אַ וויַיל שטילשווייגן

האָב איך מיין שבועה דיר געהאַלטן?

דוד

געטריי...

דער פעלדשטיין

געהאָלפֿן זוכן, קעמפֿן, פֿאַנגען?.

דוד

יאָ...

דער פעלדשטיין

בין, הייסט עס, פֿריי,
און קאָן אַוועקגיין?..

דוד

די וועלט איז פֿאַר דיר אָפֿן...

דער פֿעלדשטיין

איך דאַנק דיר!

דוד

דו דאַרפֿסט נישט דאַנקען — האָסט דיין וואָרט געהאַלטן,
און איך האַלט מיינס.

דער פֿעלדשטיין

כל-זמן די מוטער איז אין דיין רשות,
פֿאַרבלייבן קליינע גייסטער דיינע קנעכט...

ד ו ד

איך וויל מיין כח קעגן דיר נישט פּרווון.
קאָנסט גיין — איך וועל דיין טובה נישט פֿאַרגעסן..

ד ע ר פֿ ע ל ד ש ט י י ן

ביים אָפּגיין

נאָר איין זאַך, ווייס, בן־אדם,
געוואָרנט זיי,
ווייל צופּיל ליכט איז — פֿינסטערניש..
פֿאַראַן אין זיי מדרגות —
וווּ ביידע מאַכן בלינד...

ד ו ד

נערוועז

שוויַיג!..

ד ע ר פֿ ע ל ד ש ט י י ן

ביים פֿאַרשווינדן

געוואָרנט זיי! בן-אדם!..

אָפּ

ו י ד ע ר ק ו ל ו ת

פֿון אַלע זייטן

געוואָרנט זיי!.. געוואָרנט זיי!..

ד ו ד

שפּרינגט אויף און קוקט זיך אַרום צושראָקן — די קולות שטילן זיך ביסלעכווייז איין — דער הימל ווערט פֿינסטער

ש ט ן

באַהאַלט זיך אויפֿן וועג, באַהאַלט זיך הינטער אַ בוים, דוד זאָל אים נישט באַמערקן

ד ו ד

אונטערן איינדרוק פֿון די ווידער קולות

„געוואָרנט זיי, ווייל צופּיל ליכט איז — פֿינסטערניש"...
„געוואָרנט זיי!" — דאָס זאָגט אַ גייסט,
וואָס טראָגט דער אומריינקייט, וואָס דעקט אים צו,
פֿאַרבלייבט אין זיין מהות אַ פֿונק פֿון קדושה...
„געוואָרנט זיי, בן־אדם"! —
איז ליכט אַזוי געבונדן צו דער פֿינסטערניש,
אַז אָן איר איז דאָס מענטשנאָליג פֿאַרמשפּט
צו אייביק בלינדקייט?..
„ווייל צופּיל ליכט איז פֿינסטערניש", —
און וואָס באַשטייט בכן די העכערקייט פֿון ליכט?

ש ט ן

באַהאַלטן

איינע מאַכט די צווייטע מילד!

ד ו ד

הויבט אויף דעם קאָפּ צום הימל

איינע מאַכט די צווייטע מילד!..
דאַן זיינען זיי דאָך ביידע נויטיק?

ש ט ן

באַהאַלטן

ביידע נויטיק!..

ד ו ד

דערשראָקן

איז דאָס אַ בת־קול פֿונעם הימל,
צי גאָר אַ ווידער קול פֿון אייגענע ווערטער?..

ש ט ן

באַהאַלטן

פֿון אייגענע ווערטער!..

דוד

אַרט זיך צו

יאָ, יאָ, אַ ווידער קול פון אייגענע ווערטער...

שטן

באַהאַלטן, שטיל

ווערטער!..

דוד

פאַרחלומט

און אפשר האָט כּביכול גאָר געוואָלט
דער מענטש זאָל בלייבן בלינד? —
צו וואָס-זשע טויג די אייביקע מלחמה?
צו וואָס בכן פאַרבעסערן די וועלט?
האָט ער אַליין דען נישט פאַרזיכערט,
אַז אַלץ איז גוט?..

שטן

באַהאַלטן

געוואָלט, זאָלסט בלייבן אייביק בלינד!..
אויס מורא, זאָלסט נישט ווערן גלייך צו אים!..

דוד

קוקט צום הימעל — צומישט

נישט ווערן גלייך צו אים!? —
פאַרוואָס-זשע טרויערט זי, די שכינה?..

שטן

באַהאַלטן

נישט מער ווי אַ פאַרפירעריש געשפּענסט...
אַ יאוש-בילד פון כּח-הדמיון אויסגעוועבט...
אַ גוף פון בלוט און פלייש פאַר יענער קללה,
וואָס סהאָט דער שונא אויף דיין קאָפּ געוואָרפן;

דיין גרויסער צער!..

דוד

מיט שרעקלעכער אויפרעגונג

אָ, פאַלשקייט, איך דערקאָן דיין שטים!...
איך ווייס, איך ווייס, צו וואָס דו שטרעבסט!..
ווילסט עוקר זיין די קדושה פון מיין האַרצן,
צושמעטערן דעם בנין פון אַ לעבן,
מוחל זיין מיין שכינה!..
ניין, ניין!..

לויפט צום היזל שלעפט אַרויס לילית'ן אין דרויסן, און שטויסט זי אָפּ פון זיך מיט כּעס

גענוג געלעבט, אָ, מוטער פון דער נאַכט!
גענוג!.. גענוג!..

כאַפּט אַרויס אַ חלף און באַהעגט אים אין דער לופטן

שטן

באַהאַלטן

האַלט איין דיין האַנט, אָ זון פון בלוט און פלייש!..
ברענגסט אום די קראַפט, וואָס האָט אַ לעבן דיר געשענקט.
געדענק די פינסטערניש —
זי האָט דיך פאַר אַ גאָט געמאַכט!..

דוד

ציטערט אויף

די אייגענע שטים!..

שטן

באַהאַלטן

דער צער איז אַ קוואַל פון שאַפן;
און שאַפן — דאָס איז לעבן!

דוד

לעבן דאָס איז גליק!..

ש ט ן

באַהאַלטן

גליק איז טויט!..

ווידער קולות

פון אַלע זייטן

„געוואָרנט זיי, אַ מענטשנקינד! געוואָרנט זיי"!..

ד ו ד

קוקט זיך אַרום הילד

געוואָרנט, יאָ, מיט אייך פאַרפירער! —
וואָס ציטערט אָבער אַזוי שטאַרק מיין האַנט?..
וואָס לויפט אַרום אַ קעלט אין מיינע גלידער?..
וואָס כאַפּט מיך אַ געהיימע מוראָ אָן,
ווען כ'הער די ווערטער פאַר מיין אויער קלינגען?..

הויבט אויף די הענט צום הימל

אָ, שכינה, כפיל ווי קליין און נישטיק כבין אָן דיר!..

די שכינה

אין שוואַרצן שלייער באַוויזט זיך

איך וואַנדער דורך דער לאַנגער פינסטערער נאַכט,
און קלאַפּ אין אַלע טירן —
און קיינער לאָזט מיך נישט אַריין!..

ד ו ד

דערשטוינט — קוקט אויף ליליתן און אויף דער שכינה

ענליך, ווי צוויי טראָפּן וואַסער!..

די שכינה

דערקאָנסט מיך נישט מיין זון?

ד ו ד

ווי פרעמד!.. ווי פרעמד!..

די שכינה

די אייגענע וואָס פריער..

ד ו ד

מיט טרערן אינם קול

אָ, מאַמע!..

די שכינה

צו פרי געשוואוירן, קינד! צו ווייניק נאָכגעטראַכט...

ד ו ד

מיט טרערן אין קול

איך וויל מיין שבועה האַלטן!.. העלף מיר..

די שכינה

איך טאָר נישט...

ד ו ד

ווי משוגע, לויפט צו ליליתן — דראָט מיטן חלף

אָ שטאַרב, דו מוטער פון דער נאַכט!.. שטאַרב!.. שטאַרב!..

בעת ער הויל זי כאַפּן, באַוויזט זיך די מכשפה מיט איר גאַנצע מחנה שדות, וואָס זעען אויס פונקט ווי לילית און די שכינה

אַלע שדות

בייסנדיק פון צאָם צו צאָם די ערטער טאַנצן אַ שטומען טאַנץ אַרום דער שכינה און לילית

אַ כאָר פון שדים

אומזיכטבאַר זינגען

צורייסט אויף טויזנט שטיק די וועלט,
פאַרפירט דאָס מענטשנקינד!
און אויב יהוה בענטשט, דאַן שעלט—
דאָס מענטשנאויג מאַכט בלינד!..

אַלע שדות

שטעלן זיך אין איין שורה מיט דער שכינה און לילית — נישט צו אונטערשיידן זיי

דוד

חי צומישט

וועך איז די שכינה? ווער איז לילית?
מיט וועמען קעמפן, וועם פון צווײ דערלייזן.
ווען אלע זיינען גלייך?...
אָ, הייליקייט! פאַרשטויס מיך נישט!..

די שכינה

סמוז קומען פון דיין אייגענער נשמה!..

דוד

דערלייזן וויל איך דיך, אָ, שכינה!..

די שכינה

דו האָסט געצווייפלט!..

דוד

מיט אַ הערצרייסנדיק געוויין

ניין, ניין, כ'וויל גלויבן... העלף מיר!..

לויפט מיטן חלף אויסגעשטרעקט און זוכט לילית

אלע שדות

טאַנצן ביטנדיק די ערשטע

אַ כאָר פון שדים

אומזיכטבאַר זינגען

אומזיסט דאָס ליכט, אומזיסט דער שיין,
וואָס דו פאַרשפרייטסט אָ הייליקייט!
דער אשמדאי מוז זיגער זיין,
און קעניג פון דער אייביקייט!

אלע שדות

בלייבן הידער שטיין אין שורה

דוד

פאַרצווייפלט, קוקט ווילד ארום זיך

ווער איז די שכינה? ווער איז לילית?
אָ, וועמען בענטשן? וועמען שעלטן? —
כ'הויב אויף מיין האַנט אין ציטערניש, אין שרעק,
איך זאָל נישט טרעפן דער, וואָס איך פאַרגעסער!..

וכט בײ זיך אין בוזעם

מיין פאַרמעט!.. ווו איז מיין פאַרמעט?!..

די שכינה

דו האָסט געצווייפלט!..

דוד

גיט ווילד אַ געשריי

פאַרלוירן איז מיין שמירה!
פאַרלוירן איז מיין קראַפט!..

אַ טייל שדות

ביטן די ערשטער

ער האָט געצווייפלט!..

אַ צווייטער טייל שדות

ביטן די ערשטער

מיר וועלן זיגן!..

דוד

רייבט זיך די אויגן

די אויגן מיינע טונקלען!..
ווו איז די שכינה? ווו איז לילית?..

אַ טייל שדות

ביטן די ערשטער

זאָל לעבן טעות!..

אַ צווייטער טייל שדות

ביַיסן די ערטער

זאָל לעבן צווייפל!..

דוד

קוקט זיך ווילד אַרום

ציַ זייַנען אַלע — שכינות?..

ציַ זייַנען אַלע — שדות?..

וואַרפט אַוועק דעם חלף

ניין, ניין, איך וויל די הייליקייט נישט טויטן!..

אַלע שדות

ער האָט געלעסטערט!..

די שכינה

ער האָט געהייליקט!..

אַלע שדות

ער האָט פאַרלוירן!..

די מכשפה

כאַפּט דודן היַנטן אַרום ביַים האַלז און דערוואַרגט איִם

דו ביַזט באַזיגט!.. שטאַרב!

דוד

ראַנגלט זיך אַ וויַיל

ווו... איז... די... שכינה?.. ווו... איז... לילית?..

פאַלט טויט

אַלע שדות

זאָל לעבן אונזער שוועסטער!..

די מכשפה

זאָל לעבן פיַנסטערניש.

לילית, די שדות און די מכשפה אָפּ

די שכינה

הויבט אויף אַ האַנט צום הימל — מיט געוויין

דערווייל זאָלן זיי ליידן מיינע קינדער!..

אוי, פאָטער!.. פאָטער!..

לאָזט זיך אַראָפּ אויף די קני נעבן טויטן, און וויינט שטיל

בת-קולות

פון דער ווייַט

וויי! די שכינה איז אין גלות!..

וויי! די שכינה איז אין גלות!..

פאָרהאַנג פאַלט לאַנגזאַם

דרוק:
ברידער וואַיציקעוויטש
וואַרשאַ, נאַלעווקער קראַמען 5.

